STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04789

IKH DANK DIR

M. M. Shaffir

*Permanent preservation of this book was made possible
by Rhonda Fein
in memory of
Richard's father, Harry Fein*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פעיר חברטע

רעו שען קער

אל דזם גולס

מימוטז פיר

פונעם אייגענעם מחבר:

אַ סטעזשקע (לידער), מאָנטרעאַל, 1940
איך קום אַהיים (לידער), מאָנטרעאַל, 1963
אויף מײַן פידעלע ליד (לידער), מאָנטרעאַל, 1966
דער שטערן־וואָגן (לידער), מאָנטרעאַל, 1968
אַ רגע דאַכטעניש (לידער) מאָנטרעאַל, 1969
בורא־מיני־חלומות (לידער), מאָנטרעאַל, 1971
מיט דער לידער־טאָרבע (לידער) מאָנטרעאַל 1973.
אין מײַן געפּאַלנקייט (לידער), ניו־יאָרק, 1975
מיט צוגענייגטע רייד (לידער) ניו־יאָרק 1977
די פליייט פון מײַנע ביינער (לידער), מאָנטרעאַל, 1978
די ליפּן פון מײַן טרויער (לידער), מאָנטרעאַל, 1979
פיר איילן עלנטקייט (לידער), מאָנטרעאַל, 1980
אַ רגע רו געפינעם (לידער) 1981
בײַ דער חלום־מולטער (לידער) 1983
אונטער דער שטערן־חופּה (לידער מאָנטרעאַל 1984

מ.מ. שאַפּיר

איך דאַנק דיר

מאָנטרעאַל 1985

M.M Shaffir

Ikh dank dir

(I Thank Thee)
Poe ms, Montreal 1985.

אַ האַרציקן דאַנק דעם מאָלער לױ מילשטאָק — פֿאַר דער צײכענונג אױפֿן טעװעלע פֿונעם ביכל. ער האָט באַשײנט און באַשײַנט צװעלעף פֿון מײַנע ביכלעך. איך װײס באמת נישט מיט װאָס כ׳האָב מיר בײַ אים פֿאַרדינט אַזא חסד.

אַ האַרציקן דאַנק מײַן חבר, דעם מוזיקער דוד באָטװיניק — װאָס ער האָט מיר פֿאַרשריבן דעם מאָטיװ צו גאָלדפֿאַנס ליד דאָ אין ביכל, און זײַן זון לײבל, װאָס ער האָט מיר געהאָלפֿן אין דער קאָרעקטור.

גלאָסאַר — בײַם סוף

א.

איך דאַנק דיר

ביז דעמער

כ׳וועל איבערחלומען ביז דעמער,
כּדי איך זאָל דעם טאָג דערלעבן.
אין חלום זע איך וואָלקנלעמער
אַריבער הויכע דעכער שוועבן.

אין חלום זע איך ווערבעס וויינען,
אַ ווינטל קומט און נעמט זיי וויגן.
זיי ווייַזן אים די צווייַגן־חנען
און ווערן ביסלעכווייַז אַנטשוויגן.

כ׳וועל איבערחלומען מייַן אומעט —
די פּייַן וועט מיך נישט גאַנץ צעברעכן.
איך זע אין שלאָף אַ רייַטער קומען
און אין דער האַנט — אַ זילבער־בעכער.

ער הייבט אים אויף אַזש ביזן הימל,
אַריבער אַלע בערג און טאָלן.
דער חלום קומט צו מיר אין דרימל
אַ גוטע וועלט מיר אויסצומאָלן.

איך דאַנק דיר

איך דאַנק דיר פאַרן טרערנקוואַל,
וואָס ליגט באַהאַלטן אין מײַן טיף —
וואָס וואָלט געוואָרן פון מײַן האַרץ,
ווען נישט דער גוטער קוואַל, וואָס טריפט?

מײַן האַרץ וואָלט לאַנג געלעגן שוין
אין טשערעפּעס, אין אָן אַ שיעור,
ווען נישט דער טרערנקוואַל, וואָס קילט
די בראַנדן ווייטיק, וואָס אין מיר.

מײַן האַרץ וואָלט איצט געווען אַ העק
אַ וויסטיקס, אין אַ הפקר־אָרט,
ווו שדים שושקען זיך פאַר נאַכט
און שלאַנגען נעסטיקן זיך דאָרט.

צי גאָר אַ שטיין אין מידבר־מיט,
ווו אויך קיין שלאַנגען וווינען נישט,
ווו נאָר דער סאַמום ווילדעוועט
אין זאַמדן־ים, מיט צישעניש.

מײַן האַרץ איז אַ צעגליטע וווּנד,
אַ שטילע טרייסט איז דאָ נאָר דאָ —
דער טרערנקוואַל, וואָס ליגט אין מיר
און טריפט, צו דער געבענטשטער שעה.

בינדט צו דעם ווינט

בינדט צו דעם ווינט די טשופּרינע
אין מידבר צון, אַ וויסטן פעלדז,
און זאָגט אים: עט, וואָס רודערסטו?
ווערסט שוין נישט אַנדערשן די וועלט.

און זאָגט דער כוואַליע אינעם ים:
וואָס רײַסטו שטיקער פונעם ברעג?
די זאַמדנוואַנט איז מאַכטיקער —
דו פּטרסט נאָר די צײַט אַוועק.

און דעם פּאָעט בינדט הענט און פיס
און נעמט און רײַסט די צונג אים אויס —
איז ער נאָך אַלץ אַ פרײַנד דעם ווינט,
און אויך דער כוואַליע אין געברויז.

דער ווינט, די כוואַליע זענען דאָ
זינט אַלע העטן ביזקל העט —
דער דריטער איז אין זייער מיט
דער גאָט־פאַרשאָלטענער פּאָעט.

אַ ווערבע

אַ וואָלקן האָט זיך אָנגעכמורעט
און האָט גענומען שלינגען שטערן.
די הייך האָט זיך אַראָפּגעבויגן
און האָט באַוואַשן זיך מיט טרערן.

אַ ווערבע לעבן טײַך, אַ שטומע,
האָט זיך אַ כאַפּ געטון בײַם האַרצן
און האָט פאַרמאַכט די מידע אויגן —
זי זאָל נישט זען די הייך זיך שוואַרצן.

זי האָט געהערט, ווי אין אַ חלום,
ווי ס׳קאַפּען אויף איר רעגנטרערן,
און האָט אין טײַך אַוועקגעבלאָנדזשעט,
ס׳זאָל איר אַ ביסל גרינגער ווערן.

איך ווייס נישט

איר ווייס נישט קלאָר, פון וואַנען און פון וועמען
סע נעמען זיך די לידער אין מיין דיך.
נאָר אַלע מייַנע דאַכטעניש האַלטן:
איך שרייַב קיין לידער נישט — זיי שרייַבן מיך.

מיר גייען נאָך די היימישלעכע קלאַנגען
פון אונדזער שטוב, די אידל שיינע רייד
און ווי נאָר איך טונק איין די פען אין טינטער —
דערהער איך זיי מיט פּאָרכטיקייט און פרייד.

קען זייַן, אַז ערגעץ ליגט אין מיר באַהאַלטן
אַ טייל פון יענעם היימישלעכן קוואַל — — —
נאָר, גאָט, פון וואַנען קומט אין מייַנע לידער
אַ מאָל די ביטער פון דער גאַל?

דאָס ליד

בײַם אָנהייב ליד
דערפיל איך: ס׳וועפט פון מיר די מיד —
די פען, אַ פערדל, אַ געטרײַ,
פליט ווילד פאַרבײַ
און דרייט זיך אויס
און פליט אַרײַן אין האַרצנס הויז
און ווערט אַ פײַערדיקער שפּאָן —
און צינדט עס אָן.

און אַלע ווענט
דערשרעקן זיך מיט פרייד: סע ברענט!
און איידער וואָס און איידער ווען —
איז אויס די פען,
די פען פאַרשווינדט,
און אויך דער טינטער מיט דער טינט —
און אַלץ ווערט פינקלדיקער ים
און שטילער פלאַם.

אין מיטן ליד
דערפיל איך, אַז די שריפה בריט —
סע ווערט מיר ליכטיק אין געביין
אַזש ביז געוויין.
דערנאָכדעם קומט
אַ טיפע ליידיקייט, וואָס שטומט,
נאָר אין דער טיפער ליידיקייט
זיך עפּעס שפּרייט —

איך הער מיך צו:
ס׳איז נישט קיין גאָט־געבענטשטע רו,
נאָר ס׳איז אַ דאָרשטיקייט, וואָס נאָגט,
און מ׳איז פאַרצאָגט.

אַ פינגערשטראַל
אַנטפּלעקט דיר אין דער נאָענט אַ קוואַל
ער קוויקט דיך אָבער נישט, פאַרקערט —
ווערסט מער פאַרצערט.

דערנאָך — די גנאָד:
דאָס ליד ווערט פאַרטיק, ראָד נאָך ראָד,
און אַש פון ווערטער בריט און ברענט
די צונג, די הענט.

בעריאָזע נאָך אַ דינעם רעגן

שנירלעך אויסטערלישע פּערל
צירן דער בעריאָזעס שטערן.
דאָס האָט איר אַ דינער רעגן
אָנגעטון פון שיינקייט וועגן.

נאָר אַ ווינטל, פול מיט קינאה,
גלוסט צו דער בעריאָזע דינער.
קומט עס, שושקעט מיט אַ טענה:
ביסט דאָך זינט פון קליינוויַיז מיַינע,

כ׳קען דאָך דיַינע מינדסטע צווייַגן —
ווי זשע, זאָג מיר, זאָל איך שווייַגן?

זאָגט אים די בעריאָזע דינע:
זאָלסט דעם רעגן נישט פאַרגינען —
האַלדז מיר מיַינע צווייַגן אַלע,

האַלדז מיר אויך מיַין לייַב, דיַין כּלה.
כ׳וויל פון קיינעם נישט קיין פּערל —
בלויז דיַין לאַסקע בין איך גערן״.

איז דאָס ווינטל צוגעקומען
און זי גאַנץ אַרומגענומען
און פון איר געטאָקטן שטערן
איז אַראָפּ דאָס שנירל פּערל,

זיך צעפּאַלן אין די גראָזן,
ווו דאָס ווינטל האָט געבלאָזן.

אַ ליכטיק צווייקל

אַ וואָלקן האָט מיר אָפּגעשפּאָרט
אַ ליכטיק צוויקל פון זיין פּאָלע,
און האָט עס לייַכט אַ וואָרף געטון
צו מייַנע מידע פיס.
אין הימל האָט דער דינער שפּאַלט
צוריק זיך צוגעמאַכט פּאַוואָליע,
און איך האָב ביסלעכווייַז דערזען
אַז ס׳איז מיר ביטער זיס.

דער הימל איז געבליבן ווייַט,
כ׳האָב נישט געזען זיין ליכט זיך שפּרייטן —
כ׳האָב צוגעלייגט דאָס צוויקל ליכט
צו מייַן פאַרשמאַכטן בליק —
איך האָב דערין געזען די שייַן
פון אַלע גוטע ליכטיקייטן —
אַ קימפּעט ערגעץ ווייס איך ווען,
און אין דער ווייַט — אַ וויג.

אָוונט אין דאָרף

שקיעה־שפּיזלעך פליען, צאַפּלען
ביַי די צווייַגן אין די הענט,
בייַנוול פלאָנטערט זיך — און עפּעס
פליטערט דאָרטן און סע בלענדט.

מיט די שפּיזלעך אַרבעט עמעץ
זאָקן וואַרעמע אַ פּאָר
פאַרן אָוונט, אויך מסתמא
שלייערלעך פאַר זייַנע האָר.

באַלד פאַרלעשט זיך אין די ביימער
ביז צום לעצטן שפּיזלפּלי —
שלייַכט זיך צו צו זיי דער אָוונט
און ער פאַלט אויף זייַנע קני.

און ער נעמט אַרום די ביימער
און ער האַלדזט די צווייַגן זיי,
און אין זייערע טשופּרינעס
שלאָפט ער ביז צום האָנעקריי.

אונטערן דאָרפּישן הימל

אַ דאָרף מיט בלאָלעך־גרינע דעכער,
דער באַרג נישט ווײַט איז צען מאָל העכער.

און העכער פונעם באַרג — דער הימל,
וואָס מענטשן מיינען, אַז ער דרימלט.

ער דרימלט נישט, ער לײַכט צו גוטן
אויך אין די ביטערסטע מינוטן.

די הייך איז הויך און האָט קיין ברעג נישט,
די צײַט — אָן סוף? אָן אָנהייב? פרעג נישט.

דער מוח קען עס נישט באַנעמען —
באַדאַרף מען זיך דערוועגן קלעמען?

דער הימל לײַכט מיט גנאָד צו גוטן
אויך אין די ביטערסטע מינוטן.

נאָר מיר איז ביטערער פון ביטער,
ווײַל גאָט צעברעכט אויף מיר די ריטער.

אסתּר המלכּה אין נעפּל

אין אַ מילעכווײַסן נעפּלטײַך
זיך באָדן שטייענדיק ביימער.
מע זעט נאָר בלויז די קעפּ אַרויס,
אַזוי ווי בײַ שווימערס געהיימע.

מע רירט זיך נישט מע הערט נישט קיין סלוך,
אָט ווי ס׳זאָלן גליווערן די כוואַליעס.
מסתּמא איז נאָך האַלבער נאַכט
דער הימל אַראָפּגעפאַלן.

אויב יאָ, איז אויך קיין אומגליק נישט,
מע זעט אַרומצושפּאַנען.
אָט זעט מען ווי אסתּר המלכּה גייט —
טשיקאַווע איז נאָר: פון וואַנען?

מסתּמא קומט זי פונעם וואַלד —
נאָר וואָס טוט זי אין וואַלד גאָר פּלוצעם?
מסתּמא קען זי נישט אין דער היים
זיך לײַטיש קעמען און פּוצן.

אַנומלט האָט עמעץ אַרײַנגעקוקט
אין פענצטער, האָט זיך איר געדאָכטן,
בשעת זי האָט אירע אָרעמס אַנטבלויזט
און זיך די צעפּ צעפלאָכטן.

אַזוי האָט זיך איר איין מאָל געדאַכט,
און מע דאַרף נישט מער ווי איין מאָל.
ס׳איז נישט געווען קיין פייגעלע,
און אויבעט נישט קיין ביימל.

דער הימל, די פייגל, די ביימער אַרום
מעגן זען, ווי זי שטייט און אַנטבלויזט זיך —
נאָר דער זינדיקער מענטש, ס׳זאָל נישט אויסגערעדט
זיין
האָט זשעדנע אויגן, גרויסע.

אַזוי צי אַזוי, צו וואָס בריַיען אַ סך?
און ס׳איז נישט אַזאַ שרעקלעכע מעשה.
אָט גייט זי שוין אַהיים, געקליידט
אין אַ דינער קימאָנע, אַ וויַיסער.

איך בין איר גריַילער אַקעגנגעגאַן
אַרומצוכאַפּן אַזש זי —
נאָר האָט דען שוין עמעץ אַרומגעכאַפּט
אַ נעפּל, אַ מיראַזש ווען?...

ווי אַ שטילסטן ווינט

די שטומע זאַכן רעדן קלאָר,
דער מענטש איז אָבער, נעבעך, טויב —
ער הערט נאָר אַז מע שרייַט צון, אים,
און אַז מע חנפעט אים מיט לויב.

די שטומע זאַכן רעדן קלאָר —
מע הערט זיי אין אַ שטילסטן ווינט.
ווער הערט עס, ווער, און גאַפט דערפון?
דער תם, דער דיכטער און דאָס קינד.

צי רעדט דען נישט דער שפּאָן אין גאַס?
צי האָט דען נישט דער זאַמד זייַן שפּראַך?
און הייַנט זשע שוין דער עפּלבוים
צי גאָר דער מאָך, וואָס אויפן דאַך?

אַפילו ווייַטע וואָלקנדלעך
מיט זייער אומעטיקן חן,
און הייַנט זשע שוין דאָס ליכטעלע,
וואָס צאַנקט און לעשט זיך מיט געוויין.

און אַלץ, וואָס שיין איז און וואָס גוט,
(און אַלץ, וואָס גוט איז, איז דאָך שיין —)
געגענט מיט ערלעכדיקע טריט,
וויל ווערן ליד, נישט זייַן אַליין.

וואָס טוט זיאַמע? זיאַמע וואָס טוט?

וואָס טוט זיאַמע? זיאַמע וואָס טוט?
וועמען זאָל איך פרעגן — דעם ווינט?
דער ווינט שיקט קוים אַ ווינטעלע,
וואָס שושקעט עפּעס און פאַרשווינדט.

וואָס טוט זיאַמע? זיאַמע וואָס טוט?
וועמען זאָל איך פרעגן — די הייך?
די הייך איז צו הויך, און וואָס זי זאָגט,
איז שטאַרק מטושטש און פאַרבלייכט.

וואָס טוט זיאַמע? זיאַמע וואָס טוט?
זאָגט מיר, שטילע גראָז און מאָך,
פאַר וואָס דעם איידלסטן קומט אַזוי,
אַזוי זיך מאַטערן אין זײַן בראָך.

וואָס טוט זיאַמע? זיאַמע וואָס טוט?
איך וועל פרעגן גאָט אַליין —
וואָס שלאָגט ער אַלץ דעם איידלסטן?
וואָס שלאָגט ער אים אַזש ביזן ביין?

אין מײַן טײַך, דעם אויסגעטראַכטן

אין מײַן טײַך, דעם אויסגעטראַכטן,
שווימען פישעלעך צו צוויי.
אַז איך קוק אויף זייער שווימען,
טוט דאָס האַרץ מיר וויי.

אין אַ פינעף יאָר, צי מערער,
— אַקוראַט ווייסט גאָט אַליין —
וועל איך מיך פון אָרט אַ הייב טון,
און מיך לאָזן גיין.

ווו אַהין? אין די מרחקים,
וואָס פון דאָרטן קום איך דאָך.
צי סע וואַרט דאָרט אויף מיר עמעץ?
יאָ, אַ בערגל מאָך.

אין אַ שטילן אָנהייב אָוונט,
אַז איך וועל אַהין אַוועק —
ווער וועט קומען מיך פאַרבײַטן
לעבן טײַך, בײַם ברעג?

און די פישעלעך, מיר דאַכט זיך,
ווייסן איצט שוין, וואָס איך טראַכט —
ווער׳ט אויף זיי השגחה געבן
זינט פון יענער נאַכט?

פישעלעך, ווער ס׳וועט אײַך היטן?
סײַ דער וואָלקן, סײַ דער־ווינט,
אָדער ס׳וועט אהער דערבענקען
אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד.

די גוטע שיינקייט

די גוטע שיינקייט, וואָס די וועלט פֿאַרמאָגט נאָך,
אַצינדערט נאָך, נאָך אַלע בליצנבראָכן —
איך וואָלט עס וועלן אין מײַן אויג פֿאַרשלינגען,
און ווי אַ שוואָם בײַ מיר אין האַרץ פֿאַרזאַפּן,
און אין אַ לידער־סידור איבערזינגען.

און זינגען וויל איך עס אין שטילע שורות,
אָן גראַמענזינד — איך זאָל עס קענען ברענגען
אין כּלים ערדענע, דאָס שטילסטע ליד מײַנס,
אַן אָרעמאנם געשאַנק זײַן ליבן נאָמען —
און נישט אויף קיין עבודה־זרה־במה.

פאַרקלעמטערהייט

אַ האַנט האָט מיך, אַ וואָרף געטון אין חושך —
כ׳האָב נישט געזען ווער ס׳וויל מיר אָנטון לייד.
דערנאָכדעם האָט די האַנט מיך אויפגעהויבן
און מיך געלאָזט אַליין, פאַרקלעמטערהייט.

אין חושך האָט דער חלום מיך געמינטערט,
ער האָט אין חושך אויכעט נישט געבלייבט.
אַ האַנט האָט מיך אַ וואָרף געטון אין חושך,
מיר נאָר געלאָזט אַ פאָדעם בלאָע הייך.

מיך קלעמט — אין וועמעס האַנט בין איך אַ צווייַגל,
אַן אָפּגעריסנס, וואָס סע טרייַבט דער ווינט?
און וואָס באַדאַרף איך אָנקומען צום חלום?
און אפשר איז מייַן חלום אויך אַ זינד?

די חלום־רגע גיט מיר רגעס טרייסט, און
די פרייד גייט אויף אין מיר ביז סאַמע ברעג.
נאָר שווינדט די רגע — נעמט זיך נאָך מיר יאָג,
און וויל מיר שטרויכלען מייַנע טריט — די שרעק.

ווער הייבט אויף מיר אַ שטיין — מיך צו זאַטש מעליען?
און הינטער מיר — ווער איז די שאַרפע האַק?
חלומות מייַנע קלויב איך אין אַ טאָרבע,
און אויפן האַרצן — פּיוט אין אַ זאַק.

די וועלטנוועגן זעען מיך אין וואַנדער,
איך קום אויף זיי דור אייַן דור אויס צו גיין.
איך קלויב צונויף די שטיינדלעך פאַזע וועגן
און לייג זיי מיר צוקאָפּנס ווי אַ שטיין.

דער פּחד יאָגט מיר נאָך און וויל מיך וואַרגן.
ער האָט מיר שיר דעם אָטעם אויסגענאָגט —
האָט עמעץ מיר אַ קוש געטון די ליפּן —
און כ'האָב מיט ציטער "ברוך הוא" געזאָגט.

בייַם שטיין פון מייַן צוקאָפּנס שטייט אַ לייטער —
ווער האָט זי דאָרטן ווונדערלעך געגרייט?
דער פּחד יאָגט מיר נאָך, מיך צו דערוואַרגן —
נאָר כ'בינד נישט צו מייַן חלום אויף קיין קייט.

אין מייַן וואָגל אַ בעריאָזע

פון צווייַגן טריפט אָוונט, מייַן אומעט טריפט שטילער.
מייַן שטעג האָט זיך צון אַ בעריאָזע דערציליעט.

אין בענקשאַפט האָט זיך מיר דער אומעט געלייַטערט —
אין בענקשאַפט נאָך דיר, אין מייַן וואָגל, דעם ווייַטן.

פאַרפלאָנטערט דער וואָגל, פאַרקלעמטע די פייַנען —
צו דיר אין דייַן שטילבלעכקייט לאָז מיך אַרייַן איצט.

אין מיטן מייַן וואָגל, פאַרשעמטע בעריאָזע,
אַרומנעמען וויל איך דיך, האַלדזן דיך לאָז מיך.

דער וואָגל צו דיר — מיט געיאָמער, מיט שטומען —
איך וויל אין דייַן שאָטן, דייַן ליכטיקן, קומען.

לעהיי

ווי רעדט מען צון אַן אייגן האַרץ,
אַז ס׳זאָל אַזוי נישט ווײ טון,
און נישט דערציילן קיינעמען
פון זײַנע ביטערקייטן — ?

ווי רעדט מען צון אַן אייגן ליד,
ס׳זאָל אויפהערן זיך קלאָגן —
סע קען מיך דאָך ווער ווייסט וווּהין,
חלילה, נאָך פאַרטראָגן.

דעם חלום און דער בענקעניש —
זיי וויל איך גאָרנישט זאָגן —
אָן זיי וואָלט מיך שוין לאַנג פאַרלענדט
די פײַן פון מײַנע פּלאָגן.

און זיך זאָג איך: דעם אָנשטעל מאַך,
אַז דו ביסט שטאַרק ווי אײַזן —
זאָלסט קענען קומען צווישן לײַט
דײַן נאַריש פּנים ווײַזן —

און עפן מויל און אויערן,
און פינטל מיט די אויגן —
לעהיי נישט אַלץ, וואָס דו האָסט פאַרמאָגט.
איז שוין אַוועקגעפלויגן.

אַ ברכה־רעגן

די הייך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט —
מיט כמאַרעס אויסגעשפּרייטע
די ערד האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז
דאָ גייט זיך עפּעס גרייטן.

זי איז פאַרדאַרט, זי איז פאַרקוואַרט —
איר שפּאַלטן זיך די ליפּן —
זי וועט דעם דונער און דעם בליץ
אָט באַלד אַקעגנהיפּען.

די כמאַרעס נעמען כמורען זיך
און שטופּן זיך ווי דולע —
זיי האָבן נישט ווו הינצוטון
די בייַכער זייערע פולע.

גיט איינע זיך אַ מינדסטן ריר,
פאַרדריסט עס תיכּף אַלע —
מע הערט אַ טיף געבורטשעניש,
מע וואָלט זי אַזש באַפאַלן.

מע הערט געקנאַק פוןווילדע פּעטש,
און וואָלקנצייַנער קריצן —
נאָר ס'איז אין מיטן העלן טאָג,
איז זעט מען נישט קיין בליצן.

נישטאָ קיין בורטשעניש אָן כּעס.
די צווייטע שטופּט אַ דריטע —
אַ דינער דונער ווערט דערפון,
און פּאַלנדיק פּאַרפּליט ער.

געמיינט, אַז דאָ וועט ווערן באַלד
אַ שרעקלעכדיק געבאָרע,
נאָר דאָ איז עפּעס שיינס געשען —
און אַלץ איז שטיל געוואָרן.

מ׳האָט אויפגעהערט זיך בויקערן,
זיך בויערן די זײַטן —
אַ דונער־רײַטער, הערט מען, קומט
פון ערגעץ ווײַט צו רײַטן.

אָט הערט מען שוין די קאָפּיטעס
פון זײַנע פערד, די צווייען —
די רעדער פון זײַן רײַטגעשטעל
אויף שטיקער שטיין זיך דרייען.

מע הערט אַ לעצטע דונערבײַטש,
ס׳א סימן שטיינצובלײַבן,
די כמאַרעס אויסצולײדיקן
און זיי אַהיימצוטרײַבן.

אַ ברכהדיקער רעגנגאָס
— פון נידעריקע הייכן —
איז צו צו דער פאַרשמאַכטער ערד,
די גלידער איר דערווייכן.

ביַי דער ווערבע

כ׳האָב געבלאָנקעט פּאַזע לאָנקע
ווו די טרערן־ווערבעס שטייען,
אויף אַ סטעזשקע, וואָס פּאַרלירט זיך —
מיט מיַין ליד צו זיַין אין צווייען.

כ׳האָב גערעדט אין שטילע גראַמען,
אויך דעם טראָט געהייסן שוויַיגן,
נישט געוואָלט די פֿייגל וועקן,
נאָר פֿאַרוויגן — אויף די צוויַיגן.

ס׳האָט מיך אויך, ווי זיי, פֿאַרטריבן
דאָ אַהער דער שטאָט־האַרמידער.
איך פֿאַרמאָג שוין מער נישט איצטער
קיין באַגלייבטע, שטילע לידער.

ווּאַס און שײנס װיל זיך מיר רעדן,
תּחינהדיק די װערטער שפּרײטן,
אָבער פרעמדע קלאַנגען קומען
מיך באַלײטן און מיר װײ טון.

כ׳האָב אַ מאָל אַ מעסטל תּבֿואה
ערלעכדיק געגומען זײען —
איטלעכער, װאָס ס׳נאָגט אים הונגער,
זאָל זיך קומען מיט מיר פרײען.

איז מיר דער פאַרזײ אַנטרונען —
װינטן האָבן אים פאַרטראָגן,
קראָען האָבן אים צעדריװעלט —
װאָס זשע קען איך איצט פאַרמאָגן?

קום איך איצטער צו דער װערבע,
זי געטרײַ אַרומצונעמען —
כ׳װיל נישט, אַז די װעלט זאָל װיסן
פון מײַן פּײַן און מײַנע קלעמען.

אויף אַ קופּע שטיינער

אויף אַ קופּע שטיינער וואַקסן, מײַנע לידער —
ווי אַזוי זשע זאָל איך פון זיי מאָנען בעז?
אַז איך האָב נאָר פון זיי דאַרן מאָך אַ זשמעניע,
זאָג איז אויך: אַ שיינעם דאַנק — ווײַל ס׳איז אַ נס.

צוויי וואַראָנעס קומען אָן אַהין פּאַרנאַכט־צײַט,
וואָלט דאָך צווישן זיי געדאַרפט זײַן רו און פריד,
הערן זיי נישט אויף זיך טשיפּרעווען און בײַסן,
און זיי פּיקן אויס די אויגן פון מײַן ליד.

און פּאַר טאָג, אַז אין די הייכן הייבט אָן הימלען,
פאַלט אויף מײַנע לידער נאָר אַ בלייכע שײַן —
בייגן זיי זיך איינס צום צווייטן, ווי יתומים,
און זיי כליפּען שטומע אינעם שטיין אַרײַן.

עמעץ וועט אַ מאָל, קען זײַן, אַהין דערקומען,
ווײַל ער קען נישט ווײַטער גיין, פון פוסטער מיד —
וועט ער ווי׳ן אַ חלום הערן מײַנע לידער,
און זיי שטיל באַלייטן מיט אַן אייגן ליד.

וואָגלערס לאָמע

כ׳בין אַ לאָמער וואָגלער
צווישן, וויי, אַזוי פּיל וואָגלערס לאָמע.
קומט מען צון אַ תּהום צו,
איינעם פון די אייביקדיקע גריבער,
בייגט מען זיך אַריבער —
ווי מע זאָל אים וועלן פרעגן,
צי געפינט זיך ערגעץ דאָרט דער ניסתּר נישט
אין אַ פאַרבאָרגעניש.

און אפשר לאָמעט ער אונדז נאָך אויף פוסטע וועגן,
און ער קען אונדז נישט דערגרייכן.

אין די הייכן
וואָגלט מיט אונדז מיט אַ כמאַרע —
דאַכט זיך, אַז מע זעט דערין דעם ניסתּרס מראה.

צום אר״י הקדוש

(הירש אָשעראָוויטשן — אַ מתנה)

אר״י, דו לייב, נאָר מיט אַ האַרץ ווי בײַ אַ טויב,
דו וואָרקעסט אין מיר מיט מײַן טאַטנס ז״ל נגינה.
אויך איך בין אײַנגעליבט אין גאָט, און ס'קומט אים לויב
כאָטש טיף בײַ מיר אין מוח — סם פון זלידנע בינען.

איך פאַל אַרײַן צעווישן מײַנע פוסטע ווענט,
אַ נאָכגעיאָגטער דורך מטורפדיקע גאַסן.
מיר ווילט זיך צו דיר שטרעקן מײַנע מידע הענט,
דו, וואָגלער הייליקער אַרום די פעלדער צפתער.

צי מעג איך אָבער דען אַפילו אין געדאַנק
זיך נענטערן צו דײַן געצעלט, דעם תכלתדיקן?
איר בין אַ לעבן לאַנג געגאַנגען שלינג און שלאַנג,
און די נשמה איז צעפליקט אויף טויזנט שטיקער.

די חכמהנישן מײַנע בלענדיקן מיט קעלט,
און רישעותקייטן ליגן דאָרטן אין די שפּאַלטן.
ווי מעג איך צוגיין צו דער שוועל פון דײַן געצעלט,
ווי מעג איך גאָר אַרײַן אין שאָטן פון דײַן באַלקן?

דו פלעגסט אַרויס אין פעלד מקבל־שבת זײַן —
פלעג דיר אַקעגנגיין אַ כיתה בני־היכלא.
ווי קען צו מיר דערגיין אַן אָפּשײַן פון דײַן שײַן,
אַז איך פאַרזינק אין גלותדיקע זומפּנטאָלן?

דער טלית הייליקייט, וואָס האָט דיך אײַנגעהילט,
האָט אויך אַרומגענומען דעם אַרום אין גאַנצן.
די בלאָע הייך האָט העסעס אָנגעצונדן שטיל —
זאָלסט זען דער שבת־מלכתא אַקעגנטאַנצן.

דער הימל האָט אַראָפּגענידערט איבער צפת,
אַ שטערן־אויסגעהעפּט פּרוכת אויפגעעפנט.
די זון איז נישט אויף גאַנץ אַריַין אין פּוטערפאַס —
די שקיעה זאָל וואָס לענגער פלאַטערן און פלעפן.

אַר״י דו לייב, נאָר מיט אַ האַרץ ווי ביַי אַ טויב,
דו קענסט נישט ברומען, קענסט נאָר וואָרקען און זיך
בעטן —
צי דאַרף די וועלט נאָך פולער זיַין מיט שאַנד און רויב?
איז דען נאָך נישט גענוג די ערד מיט בלוט צו קנעטן?

אַר״י, דו וואָגלענדיקער לייב אין צפתער טאָל,
איך שטרעק צו דיר די בעטנדיקע הענט — דאָס מעג
איך —
שוין ציַיט, שוין ציַיט, דו זאָלסט דיך וויַיזן נאָך אַ מאָל —
און זאָלסט דיר פּיַיניקן דאָס האַרץ פון אונדזערט וועגן.

די זמירות זוהר דיַינע נאָך אַ מאָל זינג אויס,
און פיר אונדז גלוסטנדיקע צום גאולה־טויער.
פאַרהיט פון אַ צעטרייסלעניש ישראלס־הויז,
און הייל אונדז אויס דאָס בלוט פון זשאַווער און פון
טרויער.

די לאַנגע וואַנדערוועגן ליגן אין געמיט,
און הייל אונדז אויס דאָס בלוט פון זשאַווער און פון
וואָגל.
אר״י הקדוש. זע — די דורות זענען מיד,
און זייער תּפילה קען זיך נישט צו גאָט דערשלאָגן.

די דורות נידערן אין וויסטעניש אַוועק,
אַהין, וואָס מ׳איז פון דאָרט נאָך נישט
צוריקגעקומען —
אין תּהומען, אין עקוועלטנדיקע שדים־העק — — —

ס׳איז ציַיט, דיַין תּפילה זאָל שוין ווערן אָנגענומען.

מייַן ווייטיק

מייַן ווייטיק צישע איך אַריַין אין ווינט,
איך דאַרף דערצו קיין ווערטער נישט, קיין קלאַנגען.
איך ווייס, אַז איך בין אַלץ נאָך גאָטס אַ קינד —
נאָר כ׳ליג ווי אין אַ נעסט פון פּיפּערשלאַנגען.

די מאַמע האָט בייַ איר מאַמען מיך געהאַט,
ווו זי האָט אירע קינדער נייַן געבוירן.
איך גיי אַרום ווי אין אַ שווערן טשאַד:
ווער האָט מיך אין אַ שלאַנגגנעסט פאַרלוירן?

איך בין בייַ איר געווען דער פּיפּטער זון,
דער יינגסטער פון די פינעף זינען אירע.
איז ווער האָט דאָ מיר אַזאַ שלעכטס געטון —
מיך אין אַ שלאַנגגנעסט אַרייַנצופירן?

מייַן ווייטיק צישע איך אין ווינט אַרייַן
אַ ליאַדע רגע קען אַ בייזס מיך טרעפן.
איך האַלט אין מייַנע ציין פאַרקלעמט די פּייַן,
בייַם ראַנד פון שאול, וואָס האָט זייַן מויל געעפנט.

נישט איין מאָן האָט מיך שוין געטראָפן בייזס
אָט דאָ, אין ווינאָרט פון די פּיפּערשלאַנגען,
צי ווייס די האַנט, וואָס ווייַזט זיך און דערלייזט,
אויך איצט און ביז צו מיר אַהער דערלאַנגען?

חלום־טויער

„אַז דו צו מיר קענסט נישט דערקומען
מיט דייַן פאַרשטשעמעטן געוויין,
צוליב אַ וואַנט, וואָס שטייט פאַרריסן
ביז אין די הימלען, שטאָל און שטיין —
וועל איך צו דיר אין חלום קומען,
ווי דו האָסט מיך געלאָזט, צו גיין.

איך וועל דיר מייַנס אַ ווערטל ברענגען,
און שורות פון אַ לאַנגסטיק ליד —
און דו וועסט באַלד נתפּעל ווערן:
— אוי, דאַנקען גאָט, דו ווערסט נישט מיד
פון דייַנע אוצרות מיר צו שענקען —
רפואות צו מייַן קראַנק געמיט.“

מייַן חלום־טויער שטייט צעעפנט
אויף דער זייַט וואַנט פון שטיין און שטאָל,
איך פלי זי ווי אַ שוואַלב אַריבער,
ביז איך קום אָן אַהיים, אין טאָל —
די פליגל און דאָס האַרץ צעעפנט,
און אין די אויגן טרערקרישטאָל.

איך ריר נאָר אָן אַ טיר, אַ שטילע,
און עמעץ עפנט זי מיר ברייט:
זי זיצט און זי מאַרעזשעט זאָקן
דאָס לעמפּל — האַלב אַרויפגעדרייט
די רגע איז אַ שטילע, שטילע — — — —
און איך דערוואַך מיט טריבער פרייד.

די גראָע סאָווע פון מײַן בענקשאַפט

דעמאָלט, דאָרט און אין די יונגע יאָרן
פלעג איך קוקן אין דער ווײַט, אַהער.
איצטער קוק איך שוין אַהין פון דאַנען,
נאָר צו קוקן איז מיר זייער שווער.

ניט געוווּסט אין מײַנע יונגע יאָרן —
כ'האָב עס אין די ווינטלעך נישט געהערט,
אַז די ווײַטן זענען פוסטענישן
פוסטע בלענדענישן, גאָרנישט מער.

און דער הימל איז איצט דאָרט פאַרלאָשן,
און ער הויערט פינצטער אויף דער ערד.
אוי, אַז וואָס אַזוינס ס'האָט דאָרט געטראָפן,
זאָל זיך קיין מאָל שוין נישט טרעפן מער.

איז פאָר וואָס זשע ציט מיך אַלץ אַהין צו,
און מיר דאַכט זיך שטענדיק, אַז איך הער
אינעם מינדסטן ווינטעלע אַפילו,
ווי אַ ווערבע וויינט צו מיר אַהער.

ווײַל איך האָב דאָרט גאָרנישט, נאָר די ווערבע
בײַ אַ קבר, אויסגעגלײַכט מיט דער ערד
און די גראָע סאָווע פון מײַן בענקשאַפט
קומט אַהין האַלב נאַכט און לאָזט אַ טרער.

מרים בת חנה־לאה

כ׳וואָלט געקומען
זיך משתטח זײַן אויף דײַן פֿאַרשוועכטן קבר —
ווייס איך אים נישט ווו צו זוכן,
און איך האָב נישט קיין מנוחה.

אָבער דיין מצבה, זע איך, שטייט נאָך ערגעץ,
אײַנגעבויגן,
ווי זיך פֿאַר די ווינטן צו באַהאַלטן,
אַז זיי זאָלן איר דאָס לײַב נישט שפּאַלטן.

וועל איך אפשר נאָך אַ מאָל אַהין דערקומען
ווי אַ פּאַווע, ווי אַ מידע,
אויסצוקלאָגן דאָרט מײַן בידע.

דעמאָלט וועל איך אפשר מעגן
פֿון די אותיות מרים
און בת חנה־לאה
תּכלית־פּעדעם דרייען
אין מײַן ליד אַרײַנצושפּינען,
אַז סע זאָל נישט וואָגלען מער אויף פֿרעמדע וועגן
אָן אַ זינען
און אָן מאָסן.

תּכלית־פּעדעם —
אָנהייב ליד, על ראש שירתי.

מיט פרייד

מע׳ט פאַר מיר נישט עפענען קיין זוהר־טירן,
אין גן־עדן מיך אַריינצופירן.
פאַר פאַרמאַכטע טירן וועל איך בלייַבן שטיין,
און אַ מלאך וועט מיר הייסן ווייַטער גיין.

וועל איך גיין, אָן קיין שום טענה.
מעג איך דען אַרייַן צו טאַטע־מאַמע מייַנע?
וועלכע מעשים־טובים ברענג איך דען אַזוינס,
וואָס סע זאָל מיר איצטער קומען לוין?

גיי איך, ווייַל מסתמא קומט מיר נישט קיין בעסערס.
נאָר פון דעסן
וועל איך נאָר בייַם מלאך בעטן איינס,
אַז כ׳על פאַרן גיהנום־טויער שטיין:

נעם נישט צו בייַ מיר דעם טאַטנס ז״ל נגינה —
זאָל זי ווייַטער אין מיר בענקען ווי די בינען —
וועלן מיך נישט אַרן כל־הלייד,
כל־הפלאָג, וואָס ס׳איז פאַר מיר געגרייט.

און די יידיש־רייד דער מאַמעס, ז׳זאָל זיך מיען,
זאָלן ווייַטער מיך ווי דינע פידלען ציען —
בין איך גרייט
טון אַ שפּרונג אַרייַן אין גיהנום־גרוב — מיט פרייד.

ווײַ איז יענעם

פון איר ברוסט האָב איך געזויגן מילעך,
און פון אירע ליפּן — שפּראַך.
ווײַ איז יענעם, ווער סע בײַט די מאַמע
אויף אַ צווייטער, מער אַ פּריצישער אַ סך.

ווער, צום גוטן יאָר, באַדאַרף די ווײַטע אוצרות,
וואָס מע הורבעט אין פּאַלאַצן און מע שטאָפּט?
בלויז מײַן אָרעמקייט פאַרמאָגט אַ וואַרעם קישן,
אויסצורוען מײַן געפּלאָגטן קאָפּ.

ס'ליגט מיר נאָך איר מילעך אויף די ליפּן
און אין מאַרעך שפּילט מיר נאָך איר שפּראַך.
ווײַ איז יענעם, ווער סע בײַט די מאַמע
אויף אַ צווייטער, אויף אַ רײַכערער אַ סך.

שבת־שירה־פייגעלעך־געטשירקע
ריזלט פון מײַן נידעריקן דאַך.
ווײַ איז יענעם, ווער סע בײַט די מאַמע
אויף אַ צווייטער, אויף אַ שענערער אַ סך.

אַהין וואָלט איך אָנטלאָפן

אַהין, ווו די וועלטן לאָזן זיך אויס
און סע הייבן זיך אָן די אין־סופן —
אַהין וואָלט איך אַנטלאָפן.

און מיטגענומען וואָלט איך מיט זיך
דעם תנ״ך, מיט אַ ביסל מפרשים —
אַז איך זאָל נאָך זיי נישט דאָרשטן.

און ביאַליק־רבניצקי. וווּנדערלעך ווערק,
דעם ״ספר־האגדה״ —
אין ים־האגדה זיך באָדן.

און מיט יידישע ביכער אָן אַ שיעור
וואָלט איך אַהין געפלויגן —
ווען ס׳עפענען זיך מיר די אויגן.

קען זיין, אַז דער הימל איז דאָרט אַזאַ,
אַז ער שפּיגלט דאָס בוך — און מע לייענט עס —
און מיין האַרץ וואָלט פאַרשפּאָרט אַזוי וויינען.

ווייל דאָ איז מיר ביטער, און פינצטער אויך —
איך לעב אָן ספרים און ביכער —
אַז דער טויט איז מיר טייל מאָל ניחאָער.

די מומע אסתּר־רחל לייענט און וויינט

די מומע אסתּר־רחל זיצט און לייענט
צוויי לויזע בלעטלעך שמ״ר.
די אייגענע בלעטלעך איטלעכן טאָג,
און תּמיד — אַ פרישער געיאָמער.

זי זיצט אויף די טרעפּלעך, וואָס פירן צום מאַרק,
מיט די פיס אויפן טראָטעוואַרל.
פאַרבײַגייערס זעען זי — היטן זיי זיך
נאָר זי — אַנו, ס׳זאָל זי אַרן.

זי טראָגט אויף דער נאָז אַ דראָטענע בריל,
ווו סע פעלן ביידע גלעזלעך.
סע נעמט נישט לאַנג, דערפילט זי באַלד
אין די אויגן עפּעס זיך בלעזלען.

סע נעמט נישט לאַנג, דערפילט זי באַלד
ווי סע קאַפּעט איר פון די אויגן.
זי וויגט זיך איבער די בלעטלעך צוויי
אין דרײַען אײַנגעבויגן.

און באַלד צעווײנט זי זיך מיט געכליפּ
אויפן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן:
אַ יונגערמאַן האָט אָפּגענאַרט
אַ מיידל — און איז אַנטלאָפן.

זי האָט געדינט בײַם שטאָטישן גביר,
אַ קײַלעכיקע יתומה.
"מײַן לעבן פֿאַרגײט — פֿלעג זי טראַכטן בײַ זיך —
ווי רויעך פֿון אַ קוימען".

ביז איין מאָל איז אונטערגעקומען צון איר
דער יונגערמאַן, דער שיינער.
די אייגענע מעשׂה איטלעכן טאָג,
נאָר תּמיד — נײַע געוויינען.

ער האָט איר געשווירן: ער האָט זי ליב,
ער האָט זי פּשוט פֿאַרכּישופֿט.
דער אייגענער כּישוף איטלעכן טאָג,
נאָר תּמיד — טרערן פֿרישע.

און דאָ דערפֿילט זי פּלוצעם קלאָר,
אַז זי טראָגט זײַן קינד אונטערן האַרצן.
אַ בראַנד, זאָגט די מומע, זאָל קומען אויף אים
און אים אויסקרעלן די אויגן, די שוואַרצע.

גיי ווייס, אַז דאָס איז אַ שאַרלאַטאַן
מיט אַ מויל, וואָס מעג אויסגעקרימט ווערן.
די אייגענע קללה איטלעכן טאָג,
נאָר תּמיד — פֿרישע טרערן.

מ'האָט זי אויף צו מאָרגנס געפֿונען אין טײַך
אַן אויסגעצויגענע שווימען —
די האָר — צעפֿלאָכטן, די הענט — צעשפּרייט,
און די אויגן — גלײַך צום הימל.

די מומע אסתּר־רחל זיצט און לייענט
צוויי לייזע בלעטלעך שמ״ר.
די אייגענע בלעטלעך איטלעכן טאָג,
נאָר תּמיד — אַ פרישער געיאָמער.

די באַלאַדע פון דער אייביקער בענקשאַפט

צוויי מתים האָבן חתונה.
ס'איז אָנהייב מיטנאַכט־שעה.
דער שטערן־וואָגן רירט זיך שוין,
די לבנה איז שוין דאָ.

די בענקשאַפט זוכט, געפינט זי באַלד
באַגראָבענע אַ פּאָר.
מ'האָט איינס נאָך ס'אַנדערע געבענקט
דורך אַלע זייערע יאָר.

זי עפנט אויף די קברים צוויי —
און אין אַ רגע צייַט
דערזעט מען צוויי, וואָס זעען זיך
און קוקן אין דער ווייַט.

אומזיסט בײַם לעבן זיך געזוכט,
דער דזשונגלוואַלד — אָן עק,
און אײנס נאָך אײנס פֿארבענקטערהײט
מ׳איז פֿון דער װעלט אַװעק.

די קינדער, װאָס מ׳האָט נישט געהאַט,
— יתומים בלינדע איצט —
אין שטערן־װאָגן זיצן זײ,
מיט שטערן צען נאַשפּיץ.

און די, װאָס האָבן דאָ געדאַרפֿט
די טאַטע־מאַמע זײַן,
סע פֿאַלט אויף זײ פֿון ערגעץ הויך
אַ מיטנאַכטיקע שײַן.

די חופּה איז שוין דאָ, מע װאַרט,
איז װוּ זאָל זײַן די פּאָר?
אַ באַבעס בײנערדיקע האַנט
צעקעמט דער כּלה די האָר.

דער חתן קוקט זיך אום געפּלעפֿט:
— אױ־װײ, װי אומגעריכט!
זײַן כּלה, זעט ער, קומט צו אים
אין, אַ מיטנאַכטיק ליכט.

די חופּה־נאַכט איז אָן אַ סוף,
און אָן געקלאַנג, געפּלײט,
און חתן־כּלה זעען זיך
מיט צער־פֿאַרקלעמטער פֿרײד.

און איין מתנה ברענגט מען נאָר:
אַ זיפּ פון שטראַלגעפלעכט,
צו זיפּן ווייַס בית־עולם־זאַמד
אין אייביקדיקע נעכט.

און זיפּן ווינטער שנייענמעל,
וואָס פאַלט און פאַלט און פאַלט,
פון אַלע שטילן שטילער נאָך —
אין אַ מצבות־וואַלד.

אַ ווינטל פלעסקעט עפּעס דאָרט,
און צווישן שטיין און שטיין
גייט אום אַ דין געשושקעניש:
צו חלום לאָמיר גיין.

נאָר צוויי בית־עולם־ביימעלעך —
זיי שושקען־שעפּטשען: שאַ —
קיין שונא ווינטשן טאָר מען נישט
אַ חתונה אַזאַ.

אַ חתונה — און מער ווי שטום,
אויך שטום מ׳האָט נישט גערעדט,
נאָר בלויז אין שלאָף האָט עס געזען
האַלבנאַכט־צייַט אַ פּאָעט.

חלום־שעה

אין אַ צעבליטער אָוונט־שעה
האָב איך געזען, אין טיפן שלאָף,
אַ טשערעדע מיט ווײַסע שאָף.

און איינע האָט געגענט צו מיר
מיט בינטלעך בעז צעבליטע צוויי —
איך האָב מיך שיין פאַרנייגט פאַר זיי

כ'האָב אַ פאַרפלי געטון העט, העט — — —
אַ שאָף און טעמנער אָסיענווינט —
יאָ, אַלצדינג רינט, נאָר גאָרנישט שווינדט.

דו, טיפער דרימל, ניטע וועפּ —
האָב איך געשעפּטשעט תּפילהדיק
נישט פלי אין ד'אוצרות שלאָף צוריק.

פאַרבלײַב, געבענטשטע חלום־שעה —
איך וויל נישט מער אַרויף צום טאָג,
צום יאָמערטאָל פון פּײַן און פּלאָג,
נאָר נעם מיך מיט דײַן חלום־בעז.
אַוועק אַהינטער עקן וועלט,
אין אַ פאַרשטילט און לעצט געצעלט.

צו ביסינקעלעך ווײַן

גועטרײַע גוטע־ברידער,
קומט, נעמט צו ביסלעך ווײַן.
ס'איז שלעכט? סע קען, חלילה,
אַ סך מאָל אַרגער זײַן.

פֿאַראַן אַזוי פֿיל צרות,
פֿאַראַן אַזוי פֿיל שלעק —
אַ צרה איז נישט קיין צרה
וואָס קומט און גייט אַוועק.

אַ צרה איז אַן אומגליק,
וואָס קומט ווי האַלבע נאַכט
און בלײַבט מיט אײַך אויף תּמיד,
פֿאַר קיינעם נישט געדאַכט.

נעמט, גיט אַ קוק, געטרײַע,
וואָס ס'רינגלט אונדז אַרום —
סע נעמט אַזש צו דעם אָטעם,
מע קען אַזש ווערן שטום.

נאָר לאָמיר נעמען עפּעס,
וואָס קען אין שטוב אַרײַן
אַ ליאַדע מינדסטע רגע —
די שעה זאָל גאָר נישט זײַן.

למשל, לאָמיר זאָגן,
איר זיצט און לייענט אַ בלאַט
און איר האָט גרויס הנאה,
ווײַל אַלץ גייט גוט און גלאַט —

נישטאָ הײַנט קיין הריגות,
אַ חוץ וואָס אין בראַזיל
האָט אַ מאַניאַק דערוואָרגן
צען מענטשן אין דער שטיל.

מ׳איז אַלע טיף געשלאָפן,
האָט ער זיך נישט געיאָגט
און אַלע אויסגעוואָרגן,
ביז ס׳איז געוואָרן טאָג.

נו, מילא, ס׳האָט געטראָפן —
אַבי נאָר נישט דאָ הי.
בראַזיל איז ווײַט פון דאַנען,
געלויב צו גאָט — אַבי.

נאָר ווי איר זיצט און פרייט זיך,
וואָס איר זענט דאָ, נישט דאָרט —
קען אײַך אַ צרה טרעפן,
אי באַלד, אי אויפן אָרט.

איר פרעגט: וואָס עפּעס פלוצעם?
איז הערט זשע ווי אַזוי:
סע גייט פאַרבײַ אַ זשוליק
און האַלט אין מויל אַ שטרוי.

ער קײַעט — ס׳איז אים ביטער
נאָך ביטערער פון כריין —
פאַר כעס וואָלט ער געשליידערט
אויף עמעצן אַ שטיין.

דערזעט ער, ווי איר זיצט זיך,
און ס׳איז אײַך, זעט ער, גוט —
ווערט אין אים הייס די יוכע,
און אויפגעקאָכט דאָס בלוט.

ער בייגט זיך איין פּאַמעלעך
און נעמט דעם בעסטן שטיין
און בוץ! אײַך גלײַך אין פּנים,
אין אויג, צי אין די ציין.

אזוינס קען גרינג זיך טרעפן,
און אויב סע טרעפט זיך נישט —
מוז זײַן דאָ ווו צום גוטן
אַ האַנט אַרײַנגעמישט.

איז נעמט זשע, גוטע־ברידער,
צו ביסינקעלעך ווײַן.
ס׳איז שלעכט? סע קען, חלילה,
אַ סך מאָל אַרגער זײַן.

קאָשמאַר

די נאַכט אַרום איז צוגעמאַכט,
די הייכן זענען בלינד,
און אויף אַ בוים, אַ נאַקעטן,
טאַלעפּעט זיך אַ ווינט.

די פּעטליע שניַידט אים טיף אין פליישׁ,
ער האַלט דעם קאָפּ פאַרדרייט:
צי נענטערט זיך נישט עמעצער,
אים לויז מאַכן די קייט.

און פיפער־פייגל ראַנגלען זיך
מיט מחנות פלעדערקעץ —
זיי קיילן איינס דאָס אַנדערע
צו חצות און אָנהייב קץ.

ער דרייט דעם קאָפּ אַהער, אַהין —
קיין הילף איז דאָ נישטאָ,
נאָר פלעדערקעץ ספּאַלאָשעטע
אין מיטנאַכטיקער שעה.

יאָגט אָן אַ ווילדע פלעדערקאַץ
און בלייבט אין זיינע האָר,
און באַלד געפינט דעם וועג אַהין
אַ צווייטע — ס׳איז איר פּאָר.

דער ווינט צעשפּרייט די טויטע הענט,
ווי ר׳וואָלט צו זיי גערעדט:
פאַרבעט מיך, מײַנע טײַערע,
צון אײַער קימפּעטבעט.

די שטערן גליווערן פון שרעק
און גיבן נישט קיין שײַן —
זיי וועלן באַלד אַוועק צוריק
אין אַן אין־סוף אַריין.

סע ווײַזט זיך אויפן האָריזאָנט
אַ קאַלטער פײַערטאָפּ,
און ס׳יאָמערן די פלעדערקעץ
בײַם טויטן ווינט אין קאָפּ.

פינעף שיינע קעצעלעך

פינעף שיינע קעצעלעך,
אַלע פון איין מאַמען —
וועל איך איטלעכס איינציקע
מיט אַ גראַם באַגראַמען.

איינס גייט אום און זוכט און זוכט:
״וווּ איז מײַן שיינער טאַטע?״
וועט עס הייסן פאַר דערפאַר
ציפּע־ביילע־זלאטע.

איינס האָט אויף דער הוילער ערד
די מילעך אויסגעגאָסן —
וועט עס הייסן פאַר דערפאַר
ציפע־ביילע־סאָסיע.

איינס האַלט אין איין קעמען זיך,
פונקט ווי מיט אַ קעמל —
וועט עס הייסן פאַר דערפאַר
פראָסט און פשוט — טעמל.

איינס האָט מיר אַ גראַטש געטון
אין די פינגער מײַנע —
וועט עס הייסן "בייזע זאַך",
אָדער אפשר טרײַנע.

און דאָס פּיפּטע האָט אַ קאָפּ
ווי אַ פּיפּערנאָטער —
וועט עס הייסן קאָפּעלע
און וועט זײַן אַ קאָטער.

אַכט, צי נײַן

(מײַן אייניקל יעל האָט מיך געבעטן, איך זאָל איר "מאַכן" אַזאַ מין סאָרט לידעלע, און עס אַרײַננעמען אין מײַן "ביכעלע").

אַז מע ווערט אַלט אַכט, צי נײַן,
און מע גייט אין וואַלד אַריין —

קען מען דאָרטן זען אַזוינס,
וואָס איך זאָג אײַך, אַז סע לוינט.

ס׳איז דאָרט דאָ אַ בערעלע
מיט אַ שפּיציק בערדעלע.

און ס׳איז דאָ אַ הערשעלע
מיט אַן עק — אַ בערשטעלע.

און ס׳איז דאָ אַ העזעלע
מיט אַ פּײַכטלעך נעזעלע.

און פֿאַראַן אויך וועלף אין וואַלד —
וויען זיי, אַז ס׳איז זיי קאַלט.

און פֿאַראַן אין וואַלד אַן אָרט,
וואָס אַ פֿוקס באַהאַלט זיך דאָרט.

און וואָס נאָך ס׳איז דאָרט פֿאַראַן?
אפֿשר אויכעט אַ פֿאַזאַן.

צי כ׳האָב אַלץ געזען אַליין?
זאָג איך אײַך, אַז ניין און ניין —

אָבער מ׳האָט עס מיר דערציילט
און מ׳האָט זיך מיט מיר געטיילט.

און מײַן זיידע, דער פּאָעט,
האָט ליב גראַמען, אַז ער רעדט.

האָט ער דערפֿון אַ ליד געמאַכט,
און האָט אַליין דערבײַ געלאַכט

הערשעלע און די הערשעלעכע

(גדליהן — אַ מתּנה)

ר׳ ברוכל איז שוין נישטאָ
און הערשעלען איז ביטער —
ער שטייט צעווישן הויז און ״הויף״ —
ווי סאַמע אין דער מיטן.

זייַן שיין און שאַרף לצנותל —
ווער זאַל עס איצטער הערן?
דער ווינט אין פעלד? דער ציגנבאָק?
די אינדיקעס? דער שפּערל?

דער רבי האָט אַ שווער געמיט
און ליידט פון מרה־שחורה.
באַווייַזט זיך הערשעלע — ווערט באַלד
ליהודים היתה אורה.

״אוי, הערשעלע, דו ביסט אַראָפּ
אַהער אויף אָט דעם עולם —
דו זאָלסט מיך משמח זייַן.
איך בין מסוכּן חולה.

אַ מאָל פאַרגינט זיך הערשעלע
דעם רבין אויך אַ שטאָך טון,
פאַרשטעלט — אָט ווי מע מיינט די שנור
בשעת מע זאָגט דער טאָכטער.

ר׳ ברוכל פאַרשטייט דעם ווונק,
ער שמייכלט, נאָר ס׳פאַרדריסט אים:
״מע דאַרף דיך, הערשעלע, דערפאַר
כּאָטש עטלעכע מאָל שיסן״.

ניט איין מאָל טרעפט זיך אויך אַזוינס,
וואָס ס׳איז נישט שיין דערמאָנען —
דער רבי יאָגט זיך נאָך אים נאָך:
״אַרויס, הולטייַ, פון דאַנען!״

ער הייבט אויף אים דעם שטעקן אויף
און וויל אים גוט דערלאַנגען,
נאָר וואָס טוט הערשעלע? ער טוט —
ער הייבט די פיס, די לאַנגע.

אין צוויי, דרייַ טעג באַווייַזט ער זיך
צוריק אין רבינם חדר,
מיט ווינציקער אַ ביסל רייד.
און ווי פאַרשעמטע — ביידע.

נאָר סייַ ווי סייַ איז הערשעלע
אין ״הויף״ אַ גאַסט, אַ ליבער,
אי אינעם רבינס לערנשטוב,
אי׳ן אַלע זייַנע שטיבער.

מע לאָזט אים טועם זייַן אין קיך
פון היימישדיקע עסנס —
און ער האָט ווייַב און קינדערלעך,
חלילה, נישט פאַרגעסן.

ער לייגט נישט אַלץ אין מויל אַרייַן,
נאָר אויך אין דער פאַטשיילע,
און ער צעטעכעס אלץ אויף גלייַך,
און איטלעכן — אַ חלק.

חלקים קליינע — וואָס זשעט איז?
אַבי דעם חומר שטילן,
אַ מענטש באַדאַרף נישט הערן אַלץ
וואָס די געדערעם ווילן.

ר׳ ברוכל, דער מעזשבישער,
איז פּאָרט געווען זײַן שפּײַזער —
און איצטער קומט אויס הערשעלען
צו גיין איבער די הײַזער.

איז קען ער עס נישט, הערשעלע:
"איך האָב נאָך — זאָגט ער — האָנער,
און גיין און בעטן מענטשנס גאָב —
אוי, הערשעלעכע, כ׳קאָן נישט".

נישט איין מאָל האָט זי שוין געזאָגט,
די הערשעלעכע, הייסט עס:
"גיי — זאָגט זי — צו די קהלס־לײַט,
און זאָג זיי וואָס איך הייס דיר.

און גיב זיי דאָרטן אַלעמען
אין זייערע טאַטעס טאַטעס,
און ברענג זיי איינציקווײַז אַהער,
אַהער צון אונדז אין כאַטע.

כ׳על צו זיי אויסלאָזן מײַן האַרץ
און מײַנע שווערע טרערן,
און כ׳על זיי קאָרמענען אַזוי
אַז ס׳עט זיי פינצטער ווערן.

אָן חכמות גיי אַריַין צו זיי,
און אָן קיין רייד, קיין ווייכע,
און גיב זיי וואָס סע קומט זיי, אַז
ס׳זאָל זיי פאַרגיין דער שמייכל״.

נו, הערשעלע קען גוט זיַין וויַב,
די גוטע הערשעלעכע —
ער ווייסט, אַז מיט איר פּיסקעלע
קען זי אַ מענטש דערשטעכן.

איז הערשעלע אַוועק צו קהל,
כּמעט אַריַינגעשפּרונגען:
״רבותים, לאָזט מיך זיַין אין כּעס,
וויַיל מיַין בני־בית הונגערט״.

ער האָט געקלאַפּט אין טיש און בענק,
ער האָט געמאַכט געוואַלדן —
און נישט געלאָזט די קהלס־ליַיט
אַנטלויפן זיך באַהאַלטן.

״אַן עצה גיט מיר, ווי אַזוי
כ׳זאָל וויַיב און קינדער שפּיַיזן,
אויב נישט — אָט שיק איך איַיך מיַין וויַיב,
ז׳זאָל איַיך די בערד אויסריַיסן.

אַן עצה! — וויַיל איך קען איַיך באַלד
דאָ טון אַזוינע זאַכן,
אַז קלינגען זאָל מיט איַיך די וועלט,
און דורות זאָלן לאַכן״.

„בײַ הערשעלען אַזאַ מין כּעס?!
ס'איז פּשוט נישט צו גלייבן!
און וואָס וועט זײַן, אַז ער וועט באַלד
אַ האַנט אויף קהל הייבן?"

האָט קהל זיך אַוועקגעזעצט,
געבראָכן זיך די מוחות,
ביז איינער האָט געזאָגט: „איך האָב
אַן עצה מיט אַ תּוכן:

אַ פּעסל בראַנפן געבצן אים,
אים און דער הערשעלעבע —
אויף צו פאַרקויפן גלעזלעכווײַז
אין מאַרק, אונטער אַ דעכל.

אַ פּעסל י"ש איז כּך־וכך —
מע דאַרף עס באַלד פאַרשרײַבן —
און אויב אַ קאָפּיקע אַ טרונק —
ט'אַ שיינער ריווח בלײַבן.

און אויב אַ פּעסעלע אַ וואָך,
און אפשר טאַקע צווייען —
וועט שוין בײַ הערשעלען אין שטוב
די קאָפּיקע זיך דרייען."

די זון האָט שוין פון גאַנץ פרי אָן
געטרײַ די וועלט געוואַרעמט —
די הערשעלעבע מיט איר מאַן
זיך וויגן ווי'ן אַ פאַרע

קיין קונה שיקט זי נישט, די זון,
זי ווייסט נאָר איינס — זי מאַטערט.
דאָס פּעסל בראָנפן — האַלבער טאָג —
שטייט נאָך אַ פולס לעת־עתה.

די זון האָט זיך אַרויפגערוקט
ביז העט אין מיטן הימל,
די הערשעלעבע האַלט די הענט
אין שויס, און כאַפּט אַ דרימל.

אויך הערשעלע — כּחום היום —
האַלט קוים די אויגן אָפן,
ער וואַרט אַלץ אויף אַ שטיקל נס,
וואָס האָט נאָך נישט געטראָפן.

קיין ערשטן קונה זעט מען נישט,
כאָטש טו דיר אָן אַ מעשׂה —
און הערשעלע וואָלט זיך געכּעסט,
אויף ווּעמען זשע זיך כּעסן?

די הערשעלעבע כאַפּט זיך אויף
און קראַצט זיך אויס די פּלייצע:
"וואָס דאַרף די זון פונקט דווקא היינט
מיט אַזאַ חמימה פּלייצן?

און נאָך עפּעס, מיין מאַן — דאָס האַרץ
איז מיר פאַרטרעפעניעט —
איך פיל, ווי אונטערן לעפעלע
זאָל מיך אַ טשיריק ציען".

„נישט רעד קיין שטותים, בעט איך דיך,
אוי, הערשעלעכע, ניטע,
גאָר פּשוט, דו ביסט הונגעריק,
ביסטו פאַרצאָגט, פאַרביטערט.

ס׳איז אָבער דאָ אַ גרויסער גאָט,
יאָ, הערשעלעכע זיסע —
ער העלפט דעם מענטשן אין זײַן בראָך,
ער ווײַזט אַפילו ניסים.

אויך מיר איז הײַנט אַ נס געשען —
נאַ, זע אַליין, צי כ׳נאַר דיך:
געפונען אין מײַן קעשענע
אַ קאָפּיקע, אַ דאַרע.

ווי קומט אַהין אַ קאָפּיקע?
איך ווייס נישט, כאָטש צעהאַק מיך.
אַכיבע עפּעס נאָר אַ נס
מן השמים טאַקע.

ס׳איז, הערשעלעכע, דאָ אַ גאָט —
איך דאַרף עס דיר דען זאָגן?
ער הערט דעם אָרעמאַנס געוויין
און דעם געפּלאָגטנס קלאָגן".

ער נעמט בײַ איר מיט איידלקייט
די קופּערנע מטבע,
און גיסט איר אָן אַ גלעזעלע,
דאָס האַרץ איר צו דערפרייען.

„נו, גוט — באַדאַרף מען דאַנקען גאָט
פּאַר ניסים, פּאַר אַזוינע,
און שוין אים בעטן, אין איין וועגס,
אונדז צוצושיקן קונים".

„אוי, הערשעלעבע, ביסט גערעכט —
כ'על מיך מיט דיר נישט שפּאַרן.
אַ דאַנק, אַ ברכה קומען מיר
דעם האַר פון אַלע האַרן".

און הערשעלע דערלאַנגט איר שיין
די קאָפּיקע מזומן:
„דאָס ערשטע לייזעכץ איז שוין דאָ.
ס'איז דורך אַ נס געקומען".

„נאַ, מאַך אַ ברכה, הערשעלע,
און דאַנק זײַן ליבן נאָמען —"
און הערשעלע — ער פּאָלגט זי באַלד,
און זי — זי ענטפערט: „אָמן".

און רופט זיך תיכּף אָן צו אים:
„מײַן מאַן, מײַן טײַער מענדל,
אַבי שוין דאַנקען גאָט, געלייזט
אַן אָנהייב פון אַ רענדל.

איצט גיס מיר אויבעט אָן, מײַן מאַן,
אַ גלעזעלע לחיים
כ'וויל אויך אַ קונה זײַן, ווי דו —
אַ קונהטע, אַ נײַע".

„איצט — זאָגט ער — גיס שוין דו מיר אָן,
געטרײַע אשה מײַנע,
אַ ביסל פונעם פעסעלע,
פון אָט דעם בראָנפן פײַנעם".

„בכּבוד גדול — ענטפערט זי —
אַבי נאָר נישט בחינם — "
און גיסט אים אָן אַ פולע מאָס
אין גלעזעלע, אין דינעם.

דערנאָך ער — איר, דערנאָך זי — אים
מע טשאַסטעט זיך ווי שררות
און איינס פאַר ס'אַנדערע בייגט מען זיך,
פונקט ווי די פּריצים וואָרע.

ערשט שפּעט פאַר נאַכט דערזעען זיי:
דאָס פעסעלע איז ליידיק,
איז קלויבט מען זיך אַהיימצוגיין,
פאַרשניאָשקעט לײַטישביידע.

דער הערשעלעכע רעדט זיך שווער,
זי בורטשעט נאָר און פּאָנפּעט:
„צום גוטן יאָר! קיין לייזעכץ נישט,
און אויבעט נישט קיין בראָנפן..."

אויך הערשעלען איז שווער אין קאָפּ,
און שווערער אין די קניען,
און זײַנע קללות פאַלן שווער
אויף אַלע שונאי־ציון

נישט קיין וועלף פון ווײַט

פּאַזע האָריזאָנטן שטיל צעפּלעמלטע
שלענגלען זיך די יונגע מײַנע דעמלטן:

ציגעלעך גייען מיט מיר, די מײַלער — מעקעניש.
דאַכט זיך, אַרום איז שטיל — פֿאַר וואָס זשע שרעקן זיך?

פֿאָרט אָבער קוקן מיט שרעק די ציגענע אויגענעס —
וואָס איז אײַך, ציגעלעך, די פּאַשע טויג אײַך נישט?

טעג פֿאַראַן, ווו אײַך געפֿעלט קיין ביסן נישט —
ווייסט איר דען פֿון פֿערד — פֿון וועלף צעריסענע?

איך בין מיט די ציגעלעך ערלעך מיטגעגאַן,
זייער שרעק איז טיף אין מײַן געמיט אַרײַן.

אָבער נישט קיין וועלף פֿון ווײַט איצט שרעקן מיך,
נאָר די ערד מיט אירע הימלען עקן זיך.

איך וויל נישט

אַז איך וועל איבער הונדערט יאָר די וועלט פֿאַרלאָזן —
זאָג איך אײַך איצט שוין אָן, געטרײַע פֿרײַנד:
דערמאָנט נישט נישט מײַן ליד און נישט מײַן פּראָזע,
נאָר לאָזט מיך שטילע אין דער ערד אַרײַן.

און נאָך, איך וויל נישט קיין הספדים בײַ מײַן אָרון,
און נישט קיין שלושים נאָך אַ חודש צײַט.
זײַט ערלעך כאָטש בײַם סוף פון מײַנע יאָרן,
און טוט מיר אַלץ ווי שטומע טהרה־לײַט.

וואָס דאַרף איך אײַך, געטרײַע, ברענגען צו נסיונות,
בשעת איר קומט זיך נאָך מײַן טויט צונויף?
איך וויל נישט הערן אין מײַן לעצטן ווײנאָרט,
ווי פאַלשקייט קומט אויף אײַער צונג אַרויף.

איך וויל פון אײַך נישט הערן — נישט קיין שלעכטן
אמת,
ער מעג זיך זײַן די סאַמע ריינסטע וואָר.
כ׳בין סענסיטיוו און כ׳קען עס נישט פאַרנעמען,
אַפילו נאָכן סוף פון מײַנע יאָר.

פאַר מײַנע רישעותן בין איך שוין אָפּגעקומען —
איין גאָט ווייסט: איך האָב אַנדערש נישט געקענט.
כ׳האָב נישט געהיט פון בייזע רייד מײַן גומען,
כ׳האָב פונקט ווי די מהומה אַרום געברענט.

איך וויל נישט הערן, מערער נאָך, קיין פרומע ליגנס
אין מײַנע אייביקע פאָר איילן ליים,
נאָר לאָזט מיך כאָטשבע דאָ בשלום ליגן,
אין מײַן באַשערטער שטילער קבר־היים.

איך וויל, מע זאָל נישט רעדן און מע זאָל נישט
שרײַבן —
בײַם לעבן האָט עס אויך אַ קנאַפּן ווערט.
בלויז דאָס, וואָס כ׳האָב געשריבן, מעג פאַרבלײַבן,
ביז אויבעט פון דערפון וועט ווערן ערד.

ווי אַנדערע מײַנס גלײַכן

אַ חלום וויגט מיך נאָך אויף זײַנע פליגל —
ער טראָגט מיך איבער ווילדע תּהומען,
און איבער רײַסנדיקע שטראָמען.
האָט דען אַ דיכטער דאָס נאָך נישט געשריבן?

איך בין געבענטשט, אַ מאָל זאָל גוטס מיך טרעפן,
איך זאָל אַ האַרציק קול דערהערן,
און איך זאָל ענטפערן דורך טרערן.
ס'איז מיר באַשערט, ווי אַנדערע מײַנס גלײַכן.

און פּײַן — פון זיבן פולע מאָסן טרינק איך.
די פרייד קומט אין אַ טונקל קלייד,
די פּײַן, צו מאָל, געבענטשטערהייט.
אויך דאָס זאָגט יעדער דיכטער, אפשר אַנדערש.

דער חלום טראָגט מיך אַלץ אויף זײַנע פליגל —
און כאָטש ער בלענדט צו מאָל און נאַרט,
באַווייזט ער לענדער, וואָס מע גאַרט,
ווי אַלע דיכטערס ווייסן, זינט פאַר צײַטנס.

סע טרעפט, אַ פּאַווע פליט פאַרבײַ מײַן פענצטער
און וואַרפט אַראָפּ אַ פעדערבלענד.
איך שטרעק צון אים פאַרבענקט די הענט,
נאָר כאַפּן אים איז, ווײ מיר, נישט באַשערט מיר.

זיך גאָרנישט אויסגעלערנט

כ׳האָב מיך געלערנט שרײַבן בײַ די גרעסטע שרײַבערס,
געוואַלגערט זיך בעפר־רגליהם, און געטרונקען
מיט דאָרשט די רייד פון זייער מויל — איך מוז עס
ווערן
— האָב איך מיך אײַנגעשפּאַרט — אַ שרײַבערישער
שטערן.

כ׳האָב מיך געלערנט שרײַבן בײַ די סאַמע בעסטע,
און אין מיר טיף אַרײַנגעאָטעמט זייער אָטעם.
געפּטרט טעג און נעכט, נאָר אַלץ געווען איז
ניחא —
אַבי אַ מאָל אַרויסצוגעבן לידערביכער.

כ׳האָב אָפּט דעם טאַטן נישט געפאָלגט. ״מיט וואָס
פאַרברענגסטו —
פלעג ער זיך בײַ מיר בעטן — דײַנע שענצטע יאָרן?
נאָר ר׳האָט געוווּסט, אַז וואָס איך טו, איז נישט להכעיס
און אין זײַן קרעבץ איז אויך געווען אַ טראָפּן נחת.

כ׳האָב באַלד שוין אויסגעשריבן אַלע מײַנע לידער.
איז דען פאַראַן אַ זאַך, וואָס זאָל קיין שיעור נישט
האָבן?
נאָר כ׳ווייס אַצינד און כ׳הער נישט אויף דערפון צו
קלערן:
סע טויג נישט — און אַ סוף. זיך גאָרנישט
אויסגעלערנט.

אַ דיכטער ווערט מען נישט

אַ דיכטער ווערט מען נישט אין מיטן טאָג,
פּלוצטהאַלבן,
נאָר דורות פריער זענען אים געקומען זאַלבן.

זיי האָבן זיך געמיט פאַר אים, געקערט זיך מיען —
ווי אַנדערש קען ער זען זיַין וואָר אין חלום בליען?

ווי אַנדערש קען זיך וואָר אין חלום ביַי אים ביַיטן,
אין ציעניש נאָך ערגעץ אויסגעטראַכטע וויַיטן?

זיַין האַרץ איז שוין זינט ווייס איך ווען אַ שטילע נידער,
וווּ זריעה דרימלט — פאַר די קומעדיקע לידער.

ער פילט די דורות־מי, וואָס האָט אים אויסגעקליבן
און האָט אין אים געהיט זיַין איינציק ליד געשריבן.

סע טרעפט, אַז ס׳איז אים קלאָר, נאָר אין דער
קלאָרקייט — שווערער.
אין חלום סיַידנס קען אים אפשר גרינגער ווערן.

דער חלום זאָגט אים צו אַן אייביקדיק פאַרמעגן —
ס׳איז גרינג אַהין דערגיין, דורך ערגעצדיקע וועגן.

איז וואָגלט ער אַהין, ווי ס׳איז אים אָנגעצייכנט,
און פטרט זיַינע יאָר — דעם אוצר צו דערגרייכן.

אין וועג באַלייט אים נאָר אַ טרעלן פון אַ פויגל,
און נאָר אַ ווינטל קומט — אים אויסווישן די אויגן.

אין אַ שטילן פֿאַרנאַכט

כ׳בין געזעסן דאָ ווען אין אַ שטילן פֿאַרנאַכט
ווי געוויינטלעך: פֿאַרחלומט און פֿאַרטראַכט.

ס׳איז געווען צווישן בערג, בײַם ברעג פֿונעם טאָג
דער געבראַזג פֿונעם כרך האָט אַהער נישט דעריאָגט.

נישט ווײַט האָט שטיל אַ גריל געגרילט,
ווי זי זאָל מיר זאָגן: דאָ רעדט מען שטיל.

ס׳איז נישט געווען בײַ קיין טײַך, אויף אַ ברעג,
נאָר כ׳האָב געזען: שיפֿעלעך זעגלען אַוועק.

האָב איך זיי נאָכגעשיקט מײַן בליק,
ווײַל מיר האָט זיך אויסגעדאַכט: ס׳ציט זיי צוריק.

נישט ווײַט האָט אַ שוועלבל שטיל געטרעלט:
דאָ רעדט מען שטיל, דאָ איז גאָטס געצעלט.

די שיפֿעלעך זעגלען אַוועק העט ווײַט,
און פֿון דאָרטן קומט אַ וואָלקן פֿון זײַד —

און טוט מיר אויס די סאַקווע פֿיין,
און וואַרפֿט זי אין ערגעץ אַ טיף אַרײַן —

און נאָך מיר קומט אַ ווינט און ער טראָגט מיך
אַוועק
העט־העט צון אַ ווײַטן ברעג אָן אַ ברעג,

אַהין, ווו אַלצדינג ריזלט און רינט
מיט דער שטילסטער שטיל וואָס די שטילקייט
שפּינט —

און אויס מיטן ליד, און אויס מיט דער מער,
און אויס מיטן האַרץ, וואָס וויינט אין מיר שווער.

אַן ערדענער קרוג

אַן ערדענער קרוג, אַז סע טרעפט אים אַ שטיין און
דערלאַנגט אים אַ האַק אין די ריפּן
איז גיט ער אַ קרעכץ און אַ ציטער
און ווערט אין דער רגע אַ בערגל שערבלעך און
שפּליטערס.

מע הערט אַ כליפּע,
מע זעט, אַז דאָרט ווו דער קריג איז געשטאַנען,
איז אַלץ נאָך דער חלל פאַראַנען,
ווו ס'וויינט די צעבראָכענע כּלי,
אַז עמעץ זאָל קומען איר בראָך פאַרהיילן.

אַ מענטשנס נפש איז אויך נישט אַנדערש,
אַז וואָלקנבראָכן צערײַסן די ווענט אים.
מע הערט נישט קיין כליפּע.
מע זעט נאָר פאַרביסענע שטומע ליפּן,
פון אַנגסטן פאַרברענטע.

דאָס נפש ווערט אַן אײַנגעפאַלענע הייל, אַ פּוסטע
מיט פינצטערן אומעט,
וואָס קיינער וויל שוין אַהין מער נישט קומען.

נישט טאָג, נישט נאַכט און נישט דערצווישן

אַ וויכער צלמט זיך מיט פֿײַערצונגען,
און איבער זיי — אַ קלויסטערגלאָק צעקלונגען,
און איבער זיי — די הייך, אַ דולע
פֿון צו פֿיל כמאַרעזעק, פֿון פֿולע.

נישט טאָג, נישט נאַכט און נישט דערצווישן —
ווי פֿון געעפֿנטע באַהעלטענישן
און פֿון געפּלאַצטע היילן
באַווײַזן זיך חיילות, נישט צו ציילן.

חיילות אויסגעקאָוועטע פֿון אײַזן,
און נאָר מע שפּאַרט זיך און מע וויל זיך ווײַזן,
און אין די אויגן — גרינע לעמפּעלעך זיך צינדן,
וואָס טייבן און וואָס טייטן — נאָכן בלינדן.

פֿון דאָרטן, ווו די הייך איז ווי אָראָפּגעבויגן
דערזעט די זון — פֿאַרמאַכט זי באַלד צוריק די אויגן
פֿאַר וועמען לײַכטן? אַלע ליגן אויסגעוואָרגן
פֿאַר וועמענען אַ נײַעם מאָרגן?

אַ זון, אַן אַנדערע, מיט שטראַלן ווי די שלאַנגן,
איז ערגעץ ווי פֿון תּהומען אויפֿגעגאַנגען —
דערזעט זי דעם אַרום, דערשרעקט זיך און צעלאַכט זיך,
און שפּרייט דערויף אַ נעפּל־פֿלאַכטע.

און אויף דער פֿלאַכטע — געלער קאַלעך —
ליגט כּאָרכלענדיק אַ חולה־נופֿלדיקער מלאך.

ב.

ווײפּורוויל

דער סוף פון אַ פּעלדז אין פּעלד

אַ פּעלדז האָט אויפגעהויבן פויסטן צוויי,
און אין די שלייפן זיך געהאַקט מיט זיי.

— מע פּלעג צו מיר פאַרבלאָנדזשען פאָרלעכווייַז,
זיך שושקען אין מייַן שאָטנדיקן קרייַז.

כ׳האָב גאַנצע נעכט געהערט די ריינסטע רייד,
ביז עמעץ האָט געזאָגט: מיר דאַכט, מע גייט...

איז אויף אַ מאָל געוואָרן שאַ און שטיל,
מ׳האָט נאָר געהערט דאָס גרילן פון אַ גריל.

און איך פלעג הערן ליבלעכדיקע רייד —
בשעת מ׳האָט זיך געזעגנט און צעשיידט.

און ווי מע שווערט געטרייַשאַפט, מיט געוויין, —
אַז אויבעט מיך פלעג ווייטון ביזן ביין.

כ׳פלעג נאָכקוקן ביי טאָג דעם פייגלפלי,
און הערן גרוסן פון העט ווייַט פון הי.

און זען, ווי וואָלקנדלעך צעלייַכטן זיך —
ס׳איז זיי גענוג געציילטע שטראַלן ליכט.

און ווינטלעך פלעגן קומען פונעם וואַלד,
אַ קוש מיר געבן און פאַרשווינדן באַלד.

איצט גייט מען דאָ אַדרוכציען אַ טראַקט —
מ׳האָט שוין אַ וואַלד מיט ביימער אויסגעהאַקט.

אַ סטעטשקע טויג נישט, ווו סע גייען צוויי —
מע גייט דאָ ציען אַן אספאַלט־שאָסיי.

ער וועט זיך דראַפּען ביז צום העכסטן באַרג,
און רודערן וועט אויף אים רעדערוואַרג,

דורך טעג און נעכט, ווי אין אַ טײַוולמיל —
און איין גאָט ווייסט, מיט וואָסער פּלאַן און ציל.

אַפילו נישט קיין זומפּ וועט איצט דאָ זײַן,
וואָס ציטערט איידל אין לבנה־שײַן

און ווימלענישן מערן זיך דערין —
און איטלעכס לויט אַ מיסטעריעזן דין.

מ׳האָט לעבן מיר אַ לאָמפּ אַוועקגעשטעלט —
זאָל קוקן אויף מײַן בראָך די גאַנצע וועלט.

און דרענגלעך ציען זיך אַ גאַנצע ריי.
און איינע גרעב און הייך בײַ אַלע זיי.

מ׳האָט זיי געברענגט אַהער מיט ווילד געברום,
און אויסגעמאָסטן מיך און דעם אַרום.

מ׳האָט מיר געבויערט לעבער ביז דער מיט,
און מאָרגן וועט מען ברענגען דינאַמיט.

מ׳האָט מיר געדרילעוועט אין האַרץ אַ לאָך —
און וואָס וועט נאָך מיר בלײַבן? אַש און פּראָך.

ווײפּורוויל

(Whip-poor-will)

אַז אַלע פֿייגעלעך בלײַבן שטיל,
דערהערט מען דאָס פֿייגעלע ווײפּורוויל.

סע קומט עפּעס אויס, ווי דער ווײפּורוויל
קען זינגען דווקא נאָר ווען ער וויל

און נישט ווײַל ער האָט אַ וואַזשנע קול
און ער וויל, מע זאָל גלאָצן און גאַפֿן מע זאָל.

דער אמת איז פּשוט און פּונקט פֿאַרקערט:
ווען ער זינגט אין אַ כאָר, וואָלט מען אים נישט געהערט

ווײַל איזן איז ער, צווישן אונדז גערעדט,
אַ קלײנער זינגער, אַ קנאַפּער פּאָעט.

איז זינגט ער נאָר ביחידות דערפֿאַר —
אַ פֿויגלשער קאָפּ, נאָר נישט קיין נאַר.

און מיר איז ער שטאַרק צום האַרץ דערמיט,
וואָס אויך איך בין קיין גרויסער צעטוער ניט.

כ׳פֿלעג הערן אין דאָרף, דורך מײַן אָפֿענער טיר,
ווי ער באַקט זיך איַין אין האַרץ בײַ מיר.

אַ כּלל, דאָס פֿייגעלע ווײפּורוויל
וויל זינגען נאָר דעמאָלט ווען סע וויל.

און ווילן וויל עס דעמאָלט נאָר,
ווען סע ווערט אנטשטילט דער פייגלכאָר.

און איטלעך גאָטס באַשעפעניש
האָט פּיינט, אַז מע זאָגט: דאָס טו, דאָס — נישט.

און איטלעך באַשעפעניש האָט זיך זיין גאַנג —
סיי פויגל, סיי פיש און אַוודאי די שלאַנג.

וועגן איר זאָגט דאָך שלמה המלך אַליין,
אַז ער הייבט נישט אָן איר גאַנג צו פאַרשטיין,

כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען — ווער ווייסט עס דען
נישט? —
די שפּראַך פון חיה, פון פויגל און פיש,
אַפילו די שפּראַך פון קרייטעכצער —
(האָט די וועלט דען געזען אַזאַ חכם ווי ער?

עפּעס אַנדערש בין איך אָבער אויסן אַצינד:
דער וויפּורוויל איז אַוועק מיטן ווינט...

שוין עטלעכע יאָר — אַ דריי, צי פיר —
אַז זיין שטיל געטרעל דערגייט נישט צו מיר.

איך ליג ממש שעהען פאַר נאַכט לעבן וואַלד:
אפשר הער איך פאָרט זיינע טרעלן באַלד.

נאָר דער וויפּורוויל איז אין וואַסער אַריין —
און סע פלאָגט מיך די שרעק און ס׳עסט מיך די
פּיין.

אין חלום אָבער שווינדט מיין שרעק —
איך זע, אַז מיין וויפּורוויל איז אַוועק

אויף אַ ווייטער וויספּע, ערגעץ העט,
צי אין אַ לאַנד אָן מענטשן, אָן שטעט

צי אין אַ דזשונגל הויך און טיף —
און איך שרײַב אים אין חלום אַ ליד, ווי אַ בריוו:

„מײַן ליכטיק פֿייגעלע, דאָרט ווו דו ביסט —
איך שרײַב דיר דעם דאָזיקן בריוו נישט אומזיסט.

דער בריוו מײַנער טראָגט אַ שליחות־וואָרט:
בלײַב דאָרט ווו דו ביסט און אַנטפֿלי נישט פֿון
דאָרט.

ווי גאָט איז דיר ליב — נישט קום צוריק —
נאָר דאָרט, ווו דו ביסט, בוי אַ נעסט, אַ וויג,

און האָב דאָרט קינדער און אייניקלעך —
ווײַל דאָ איז ביטער, און פֿינצטער ווי פּעך.

נישט ריר דיך פֿון דאָרט און נישט קום מער אַהער,
ווײַל דאָ גייט ווערן אַש פֿון דער ערד.

נאָר אַלטע לייט ברענגען פֿון ערגעץ ווו,
אַז אײדער, חלילה, ס'וועט קומען דערצו,

וועט קומען אַ נוח און נעמען צו צוויי
פֿון פֿויגל און חיה און אַוועק מיט זיי

אין אַ תּיבה — און נאָר טאַקע צוויי פֿון אַ מין,
און זיי ראַטעווען — איין גאָט ווייסט ווו אַהין...

הלוואַי דו זאָלסט אויך דאָרט זײַן מיט דײַן פּאָר,
און איר זאָלט דאָרט לעבן ביז טיף אין די יאָר.

און הלוואַי, וויפֿורוויל, ליב פֿייגעלע מײַן,
מיר זאָל זײַן באַשערט צווישן אײַך צו זײַן.

אַ הײַנטיקער סוף צו גאָלדפאַדנס
אַ ליד

(אַ מתנה די מלאָטעקס)

פּאַראַנען ערגעץ אַ וווּנדערלעך ליד
בײַם האַרציקן גאָלדנפאָדעם:
וואָס ס׳טוט אַלץ אָפּ אויף דער הײַנטיקער וועלט
דער זינדיקער בן־אָדם.

„געשלאָפן איז אַלץ, האַלבע נאַכט איז געווען,
קיין בריאה האָט זיך נישט גערירט —
און נאָר די לבנה אײנע אַליין
האָט צווישן די שטערן שפּאַצירט״.

און ווײַטער, דאַכט זיך מיר, גייט אַזוי:
„ווען דער שלאָף מאַכט צו אַלעמען די אויגן —
איז דעמאָלט אַ מלאך פון הימל אַראָפּ
מיט אַ יונגער נשמה געפלויגן״.

און מער געדענק איך טאַקע נישט
איך מאַטער אומזיסט דעם זכרון.
כ׳האָב געהערט דאָס ליד אין שאָץ, צוריק
מיט פינעף און זעבציק יאָרן.

איך געדענק אָבער יאָ דעם געדאַנק פונעם ליד,
די מאָראַל, די אַלגעמיינע:
אַ מענטש קען אָפּטון די ווילדסטע זאַך —
און ער זאָל זיך נישט שעמען פאַר קיינעם.

דערצייל איך דאָ בלויז דעם תוך פונעם ליד,
ווײַל כ׳האָב עפּעס בכּוונה —
און גאָלדפּאַדן ליבער, דו זאָלסט מיך דערפאַר
צום הימלישן מישפּט נישט מאָנען.

יוכבד, מײַנס אַ שוועסטערקינד,
אַ גוטע, געטרײַע נשמה,
פלעג זינגען, געדענק איך, דאָס דאָזיקע ליד
און אַזש זיך פאַרגיין דערבײַ תמיד.

און מ׳האָט זיך געקענט פאַרגיין דערבײַ,
און אַפילו לאָזן צוויי טרערן —
פון וואַנען אַראָפּ אויף דער פינצטערער ערד?
פונעם מלכות פון ליכטיקע שטערן.

זיי פליען מיליאָסן שטערן פאַרבײַ
און ליכטיק געקלאַנג פון גלגלים,
אַזוי לאַנג, ביז זיי זענען אין אַ פאַרטאָג
אין אַ שטאָט אַרײַנגעפאַלן.

זיי בלײַבן שטיין אין אַ זײַטיקער גאַס
און בלײַבן שטיין בײַ אַ כאַטע —
דאָ הערט די נשמה און זעט אַזוינס,
וואָס זי שרעקט זיך דערפֿאַר און זי פֿלאַטערט:

רצחנים קומען זיך דאָ צונויף
אין איינעם מיט פֿײַנע לײַטן,
און מ׳עפֿנט פֿולע זעק מיט רויב,
און מ׳האַלט זיך אין איין בײַטן.

דורך אָפֿענע פֿענצטער ווײַזט ער איר
וואָס סע טוט זיך בײַ טייל אין די הײַזער,
און די יונגע נמשה בעט זיך און וויינט:
״לאָז שוין זײַן גענוג מיר צו ווײַזן״.

די נשמה זעט זיך אָן אַזוינס,
וואָס זי ציטערט דערפֿאַר און זי שרעקט זיך,
דער מלאך אָבער זאָגט איר שטיל:
״איך דאַרף דיר אַ סך נאָך אַנטפּלעקן״.

און אַז די נשמה זאָגט מיט געוויין:
״איך וויל נישט געבוירן ווערן״,
פֿאַרקוקט זיך דער מלאך, מע זאָל נישט זען,
און אויך ער לאָזט הייסע צווייי טרערן.

נאָר איר, דער נשמה, זאָגט ער אזוי:
״דו האָסט שוין אַצינד נישט קיין ברירה —
דו מוזסט אַרײַן אין אַן עופּעלעס גוף —
און ס׳איז נישט אַזאַ שווערע גזירה.

דו וועסט אין גוף זייַן היטער זייַן,
און איר׳ט זיך ערלעך פירן
וועלן אָפּן שטיין, איבער הונדערט יאָר,
פאַר אייך די גן־עדן־טירן.

און שרעק דיך נישט, נשמהלע,
פאַר אָט די לאַנגע יאָרן.
מיט ערלעכקייט איז נישט אַזוי שווער
זיי גרינג אַריבערצופאָרן.

איך לאָז דיך דאָ איבער, נשמהלע —
וועסט באַלד געבוירן ווערן,
ער האָט איר אַ שטילן קוש געטון
און איז תיכּף צוריק צו די שטערן.

אַ פרוי איז נישט ווייַט געגאַנגען צו קינד
און האָט נאָך הילף גערופן.
די יונגע נשמה האָט עס דערהערט
און אַרייַן אין עופעלעס גופל.

אין וואַזשנעם גאָלדפאַדן־אוצר איז שווער
אַ ליד זייַנס צו געפינען.
איך געדענק אבער גוט דעם געדאַנק פונעם ליד,
דאָס הייסט: זייַן שיינעם זינען.

און אָט איז אויך דער מאָטיוו פונעם ליד,
ער פאַרמאָגט נאָר עטלעכע טאַקטן.
יוכבד זינגט — און סע זינקט אין מיר
און ווערט אין מיר אייַנגעבאַקן.



און איצט וואָלט איך וועלן (— איך ווייס נאָר נישט קלאָר,
צי מעג איך עס גאָר וועלן —)
צו גאָלדפאַדנס ליד, צום לאַנגסטיקן,
אַ הײַנטיקן סוף צושטעלן.

האָב איך אַ שאלת־חלום געפרעגט,
אַברהם גאָלדפאַדענען טאַקע
״צי מעג איך עס טון? ס׳איז דאָך שוין נאָך
היראָשימאַ און נאַגאַסאַקי.

פון דיר ט׳נישט געמינערט ווערז קיין האר —
ווער קען דײַן גרייס צעטרייסלען?
נאָר עפּעס איז אין מיר אַרײַן אַ שטות,
אַז נאָר דער טײַוול ווייסט מיך.

מ׳עט אַלע וויסן: ס׳איז נישט דײַנס —
פלעגסט שרײַבן שענער און אַנדערש.
דערפֿאַר האָט דיך מיטגענומען דאָס פֿאָלק
אין וואָגל און אין וואַנדער״.

האָט ער מיר געענטפערט: ״אַ היינטיקן סוף?
נו, גוט — אָבער אָן רציחה.
איך האָב אין דיר אמונה — שרײַב
און שטעל עס אַרײַן אין דײַן ביכל״.

דער מלאך דערזעט די צוויי חרבע שטעט
נאַגאַסאַקי און הירָאָשימאַ —
פֿאַרקירעוועט ער זיך און פליט אַוועק
צוריק אין העכסטן הימל.

פון דאָ האָט ער אָבער אַלץ נאָך געזען
וואָס דאָ, אויף דער ערד, האָט געטראָפֿן —
איז ער מיט דער נשמה אַוועק העט העט
ביז די ווײַטסטע, ווײַטסטע אין־סופֿן.

אַ כמאַרע נעמט זיי דאָרט אַרום,
ווי מיט געטרײַע הענט צוויי —
אַז זיי זאָלן נישט זען די ערד,
די וויסטע, די פֿאַרלענדטע.

זיי הערן נאָר פון העכער נאָך
אַ קוימיק טרעלן און טרילן —
דאָס ברענגט אַ ווינטעלע פון ווו,
די שרעק אין זיי צו שטילן.

דאָס בערגל אין דאָרף און דאָס טײַכל אין שכנות

אָט ערשט איז נישט ווײַט פון מײַן שטיבל אין דאָרף
געשטאַנען אַ בערגל,
און ווײַטער אַ ביסל, אַ פּופּצן שפּאַן, איז געלעגן אַ
טײַכל —
פון זינט בראשית מסתּמא אַזוי, ווען גאָט האָט באַשאַפן
די טויזנטער בערג, די טײַכן, די ימים און די יבשה,
און איטלעכן פון זיי אַן אָרט און אַ גרענעץ געגעבן
און אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט: פונעם אָרט זיך
נישט רירן!
דעם ים, למשל, געזאָגט: דו מעגסט מיט דיר קידהן
און וואַרפן,
מעגסט כמאַליען די כוואַליעס דײַנע אַפילו ביז צו די
וואָלקנס —
געדענק נאָר אָבער גוט, אַז דאָס זעמדעלע איז דײַן
גרענעץ.

אַוודאי האָט גאָט געוואָלט, אַז די וועלט זאָל
באַשטיין זינט דעמאָלט.
זינט דעמאָלט אָן און ביז נאָך אַלע אייביקייטן,

נאָר טיף אין האַרץ האָט ער געטון אַ זיפץ, זיך
געשראָקן:
ווער ווייסט, צי וועט נישט נאָך אַ מאָל קומען די
צייַט, חלילה,
איך זאָל די וועלט צעוואַרפן און ווידער בויען אַ
נייַע...
אַזוי טאַקע שטייט אין די שוואַרצע פינטעלעך
ערגעץ געשריבן,
אַז גאָט בויט וועלטן — און ער איז זיי מחריב, דאָס
הייסט: ער פּאַרוויסט זיי,
ער וואַרפט זיי אייַן און קערט זיי אום צום תּוהו־
ובוהו.

אַזוי מסתּמא זינט אייביקסטע צייַטן... דער מענטש
אָבער רוט נישט.
ער האַלט אין איין פרעגן קאַטשאַנעס און ס׳גייט
אים אין לעבן צו וויסן:
וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס? וווּ ליגט דאָ די געטלעכע
חכמה?
די פילאָסאָפן נעבעך בויערן זיך די מוחות
און איטלעכער קומט מיט אַן אַנדער ענטפער, נאָר
איטלעכער ענטפער
איז ווערט נישט מער, ווי — כ׳ווייס דאָרט — אַ
שטיקל קנאָבל־שאָלעכץ.
סך־הכל זענען די ענטפערס קיין ענטפערס נישט,
נאָר קשיות,
און בלייַבן בלייַבט מען אַלץ מיט דער צונג, מחילה,
אין דרויסן.

פאַראַן אָבער יאָ אַן ענטפער, וואָס לייגט זיך גלײַך
אויפן שכל —
איך האָב אים אַ מאָל געזען אין אַ ספרל טיף
פאַרשריבן —
(דאָס ספרל איז שוין נישטאָ — ס׳איז אַוועק מיטן
טאַטנס ספרים.
דורך אומריינע הענט און דורך פײַער — אַרויף צו
די הייליקע הייכן —)
דהיינו אַזוי: אַז אַ וועלט ווערט פול מיט רויב און
מיט רישעות —
און פעלקער נעמען זיך איינע די צווייטע צעטרענען
די בײַכער
און קײַלן און טיליקן איינע די צווייטע, און ס׳נעמט
גאָר קיין סוף נישט
און סמען אויס אין איין וועגס די פיש אין די טײַכן
און ימען...
די חיות אין פעלד, די פייגל אין הימל, אַפילו די
ביימער,
די גראָזן, דעם מאָך און אַפילו דעם ווינט, וואָס ער
ווינט אין דער מידבר,
אַפילו די וואָלקנדלעך, די ליכטיקע, נעמט מען
פאַרלעשן,
און אויסלעשן, ווײ, בײַ די שטערן אין הימל די
ליכטיקע אויגן —
איז קומט דעמאָלט גאָט און ער זאָגט: ניחמתי, איך
האָב חרטה — — —

דערויף האָב איך באַשאַפן אַ וועלט פאַר אייַערט
וועגן,
מיט פירות — איינע פון דער צווייטער באַטעמטער
און שענער,
מיט גאָלדענעם בינען־האָניק, מיט יאַגדעס אויף
אייַנגעמאַכטסן,
מיט קווייטן, דאָס אויג און דאָס האַרץ צו דערפרייען
און אויך אויף רפואות,
מיט ווינטלעך, וואָס ריזלען אַרייַן אין דער נאָז און
אין דער נשמה,
מיט הימלען, באַהאנגענע מיט וואָלקנדלעך און מיט
שטערן — ?

און גאָט ברענגט דעמאָלט אַ מבול אַזאַ, וואָס קיין שום
נוח,
אויף וווּנדערשיפן אַפילו קען נישט דערפון אַנטרינען.
דערנאָך, אַז דער כּעס גייט אים איבער, באַשאַפט
ער אַ וועלט, אַ נייַע.

(לצנים, גרינגע קעפּ — זיי זאָגן יאַקבע אַנדערש:
אַז גאָט צעוואַליעט וועלטן — פּשוט, ווייַל ס׳איז
אים סקוטשנע
און ר׳האָט נישט וואָס צו טון אין זייַנע אייביקייטן.

זאָל קומען אויף אָט די פּוסטע קעפּ אַ גיבע מהומה
און זיי די פּיסקעלעך, די קלוגיטשקע, פאַרמאַכן.)

וואָס טוט דער מאָנבלאַן, דער עווערעסט, צי דער
קילימאַנדזשאַראָ?
פאַרנאַרן מענטשן קענען זיי און וואַרפן אין
אָפּגרונט,
דאָס בערגל, אָבער, מייַנס איז נישט קיין רוצח,
חלילה.
פאַרקערט, סע ווייַזט מיר נישט איין מאָל זעלטענע
חסדים:
איך קום אַהין צו גיין מיט מייַנע פּלאָגעניש,
און זעץ מיך צו און רעד אַ וואָרט צו זייַנע
ביימלעך —
ס׳איז, דאַכט זיך מיר, די ביימלעך פון מייַן היימיש
שטעטל —
אַפילו דאָס ווינטל איז אויך אַ דאָרטיקס און קומט
מיך פאַרוויגן,

און בעט זיך בייַ מיר: דו, נאַר — מאַך צו אַ ביסל
די אויגן —
מ׳עט בייַ דיר גנבענען די טאָרבע קלעמעניש?
דאָס ווינטל קרייַזלט מיר די האָר און רעדט מיך
איבער — — —
איך קוק אין דער ווייַט ווי דורך אַ האַלב
פאַרמאַכטער דלאָניע —

פאַרלענדטע וועלטן זע איך — זיי ציטערן מיר
אַקעגן.

נישט ווייַט פונעם בערגל, אַ פופצן שפּאַן, איז
געלעגן אַ טייַכל,

אַ קײַלעכיק טײַכל מיט בלאָטיקע, רײנע,
באַוואָקסענע ברעגן —
די סטראָשקעס ביים ברעג האָבן תּמיד דערמאָנט
אינעם יאור, וואָס אין חומש.
וואָס מרים קומט אַהין, מיט אַ ייִנגעלע אין אַ קעסטל...
אַז איך האָב געזען, ווי זיי שפּיגלען זיך ביידע איינס
אינעם צווייטן,
דערעיקרשט בײַ נאַכט, בײַ דער שײַן פון די שטערן
און פון דער לבנה,
האָב איך אין האַרצן פאַרשטאַנען באַלד, אַז זיי
זענען ביידע
נישט אַנדערש נאָר צוויי מיטאָלאָגישע, יונגע
גריכישע העלדן,
אַ בחור מיט אַ מיידל, וואָס פלעגן זיך האַלדזן און
קושן
און שפּיגלען זיך איינס אינעם צווייטן פאַר אַלעמען
אין די אויגן,
ביז איינער אַ גריכישער גאָט, אַ מטורף, אַ ווילדער
בעל־קינאה,
האָט זיי פאַרשאָלטן מגולגל צו ווערן: ער — אין אַ
בערגל,
און זי — אין אַ טײַכל — "און אויס מיט די
נאַרישע קושערײַען".

* * * *

דאָס טײַכל איז ווינטער געלעגן אונטער אַן
איבערבעט שנייען,
לעהיי ווי ס'וואָלט גאָרנישט געווען דאָרט אַ גאַנצן
ליבן זומער,

ווי נאָר אַ שטיקל לאָנקע צו פּאַשען גענדז, נישט
מערער.
נאָר פּסח־צײַט איז דאָס טײַכל אַרויס, ווי צו תּחית־
המתים,
און איטלעכן טאָג זיך מיט נײַע און נײַע וווּנדירים
באַוויזן.
פֿאַרמאָג איך דען אָבער די כּוחות די וווּנדערס
אויסצודערציילן?
גיי נעם און באַשרײַב די לופּטיקע וואַסער־ליבעלעס,
וואָס פֿליען
געוויינטלעך אין פּאָרן, און קושן זיך אין פֿליען, און
שווינדן
און ווײַזן זיך ווידער, און ווערן נישט מיד דאָס טײַכל
צו מעסטן,
צי גאָר זשוקלעך, וואָס גליטשן זיך אויפֿן
וואַסער־שפּיגל
מיט עפּעס אַזאַ מין גיך, אַז סע קען זיי דאָס אויג
נישט דעריאָגן,
און הײַנט די פֿײַערפֿליגן בײַ נאַכט, וואָס זיי רייצן די
זשאַבעס:
— אָט מיינט מען, אַז ס׳איז אַ שטערן, און אָט
אַפֿילו קיין פֿליג נישט.

* * * *

כ׳האָב אויבעט אין דער היים געהאַט אַזאַ מין
בערגל —
ס׳איז אי געווען אַ בערגל און אי אַ שיטערלעך
וועלדל
אַרויס פֿון די קרעמערישע גאַסן צוויי פֿון מײַן
שטעטל,

וואָס איינע האָט איבערגעשניטן די צווייטע כּמעט
ווי אַ צלם.

אויף יענעם בערגל פלעג איך ייִנגלווייַז שעהען
לאַנג בלאָנקען —
און לייענען אַ ביכל אין גאַנג און שלינגען די
בלעטלעך.
צי אונטער אַביימל צולענען זיך און אין דרייַען
אַנטדרימלען —
דאָס ביימל, דאָס ביכל און אויבעט איך — און
אַוועקפליען ערגעץ,
דער רוח ווייסט ווו אַהין, נאָר פון זיך פלעגן צאַפּלען
די פליגל,
און פליען האָט מען געמוזט, כּדי נישט אויסגיין פון
בענקשאַפט —
בייַ טאָג האָט געציטערט דער גוף, און בייַ נאַכט —
די נשמה,
און דונערן ווייַטע פלעגן אַלץ קומען נענטער און
נענטער —
איז פלעג מען חלומען פון שענערע וועלטן ערגעץ

— — — איך לייען ראובן פאַהנס
״מחיי־הקראים״ —
איך זע נאָך איצט זייַן בערדל און זייַן
קאַפּעליטשל —
אָט גייט אַ יונגע גויע מיט אַ ווערעטענע —
זי פרעגט מיך שיין: ״טשע זיטשע קאַרטעאַ,
באַיעטע?״*

* רומעניש: וואָס זאָגט דאָס בוך, ייִנגל?

נאָר איך געדענק שוין איצט נישט, וואָס כ׳האָב איר
געענטפערט —
אַ שמייכל האָב איך איר געשענקט, דאָס בין איך
זיכער,
אַפילו איצטער נאָך, נאָך מער ווי זעכציק יאָרן
און עטלעכע טויזנט מײַלן ווײַט פון מײַן חרוב
שטעטל.
דאָס בערגל מײַנס אין דאָרף — נישט גאָט האָט עס
פאַרשניטן,
נישט ער — דעם טײַכלס שיינע מראה
אויסגעלאָשן.
אַ מענטש האָט זיך דאָרט געיאָוועט אין איינעם אַ
טאָג, א וויסטן

מ׳האָט אים אַליין נישט געזען — ער איז זיך
געמיטלער געזעסן,
אַ שטרויעלע צווישן די ציין — אין אַ קאָלאָס, אין
אַ געלן.
געוואָרפן בליקן אַרום, ווי ער זאָל עפּעס וועגן און
מעסטן, —
דערנאָך אַ קוועטש געטון אין אַ שורה קנעפּלעך אַ
קנעפּל.
דער פינגער גיט אַ קוועטש — און סע פאַלגט דער
קאָלאָס אין דער רגע —

ער פאָרט נישט — ער קריכט און שלעפּט דעם
געקאָוועטן בויך, דעם קוואַדראַטנעם.
ער האָט נישט קיין קאָפּ, נאָר הויך ווי אַ דעמב אַ
האַלדז־און־נאַקן,

וואָס קען זיך ציען און קנייטשן און בייגן אין
צווייען,
און אײַזערנע ציין, ווי לאָפּאַטעס, בײַם סאַמע שפּיץ
פונעם גאָרגל
און נאָך דערצו מיט אַ קוימען, וואָס סאַפּעט מיט
רויך און מיט אַוויר,
און רעדער, וואָס דרייען זיך נישט ווי סע דרייט זיך
אַ ראָד פון אַ וואָגן,
נאָר רינען ווי פּיפּערשלאַנגען און כוואַליעס פון
אײַזערנע טײַכן.

האָט אָט דער קאָלאָס זיך צוגערוקט אין אַ וויסטן
פרימאָרגן
צום בערגלס פּיס, און זיי אָנגערירט מיט
צעשטשירעטע ציינער,
באַטראַכט די פּליושן זייערע, און זיי באַניוכעט —
דערנאָך, מיט גיהנום־געריטשע אַראָפּגעבויגן דעם
גאָרגל
צום בערגלס קנעכל און זיי גענומען ברעכן און
קרישלען,
דערנאָך גענומען רײַסן פון דאָרטן ערדענע פליישן
צעקײַעט און באַלד אַרײַנגעשפּיגן דעם טײַכל אין
פּנים.

נישט אויפגעהערט צו בײַסן און רײַסן און קײַען און
שפּײַען,
ביז העט צעדריוולט דאָס גאַנצע לײַב־און־לעבן.
דעם בערגלס,

און אויסגעלאָשן דעם טײַכל דעם ברעג און די
ליכטיקע מראה..
און אויסגעוואַרגן די זשאַבעס, וואָס פלעגן דאָרט
זיך ווידמען
יאָר איין, יאָר אויס — ווער קען עס וויסן פון זינט
וויפל דורות
און פלעגן איטלעכן זומער־אָוונט וואַרטן אויף
שקיעה,
און דעמאָלט ערשט אַרויס מיט געקוואַקע, און קיין
מאָל נישט פריער,
און פלעגן געטרײַ פאַרהיימלעכן די שטילע אַרומען.

אַזוי זענען אָפּגעמעקט געוואָרן די נפלאות־הבורא,
די פליגעלעך מיט די רמשים אין טײַכל און אויפן
בערגל —
דאָס בערגל מײַנס מיטן טײַכל, וואָס איך האָב
געוווּסט אין מײַן האַרצן,
אַז דאָס זענען צוויי מיטאָלאָגישע יונגע גריכישע
העלדן,
אַ בחור מיט אַ מיידל, וואָס האָבן זיך ליב געהאַט
קושן,
און שפּיגלען זיך איינס אינעם צווייטן פאַר אַלעמען
אין די אויגן,
ביז איינער אַ גריכישער גאָט, אַ מטורף, אַ ווילדער
בעל־קינאה
האָט זיי פאַרשאָלטן מגולגל צו ווערן: ער — אין אַ
בערגל,
און זי — אין אַ שכנותדיק טײַכל — זיי זאָלן עד
סוף כל־הדורות

זיך קענען שפּיגלען איינס אינעם צווייטן אין
אַלעמענס אויגן.

געבליבן פון זיי איז נישט מער ווי אַן
אויפגעריוועטער שטח,
אַ פּולער מיט טיפע ריסן און מיט צעשונדענע ווונדן,
אַ ווייגעשריי אונטער אָפענע הימלען, אַ נאַכטיק
געיאָמער.

בערגלעך, וועלדלעך, וואַסערלעך

די טעג — ווי אין אַ קראַנקער זון,
און הייסע פינצטער — אין די נעבט.
און איך, אין אַנגסטן, ליג און טראַכט
פון בערגלעך, וועלדלעך, וואַסערלעך.

געוואַלד, ווען איך זאָל האָבן רו,
וואָלט איך געזעסן טאָג און נאַכט
און פון דער נאָגעניש אין מיר
געגראַמטע מעשהלעך געמאַכט.

כ'וואָלט צו די בערגעלעך אַוועק,
וואָס שאָטענען זיך אויף דער ערד,
און זיי די מעשהלעך דערציילט,
און זיי וואָלטן זיך צוגעהערט.

איך וואָלט גערעדט מיט שטילע רייד,
פון אַלע שטילן שטילער נאָך,
און זיי וואָלטן זיך צוגעהערט
און נישט געטראַכט פון זייער בראָך.

כ׳וואָלט צו די וועלדעלעך אַוועק,
וואָס שאַטענען זיך אויף דער ערד,
און זיי די מעשהלעך דערציילט,
און זיי וואָלטן זיך צוגעהערט.

איך וואָלט גערעדט מיט שטילע רייד,
פון אַלע שטילן שטילער נאָך,
און זיי וואָלטן זיך צוגעהערט
און נישט געטראַכט פון זייער בראָך.

כ׳וואָלט צו די וואַסערלעך אַוועק,
וואָס שלענגלען זיך אַרום דער ערד,
און זיי דערציילט די מעשהלעך,
און זיי וואָלטן זיך צוגעהערט.

איך וואָלט גערעדט מיט שטילע רייד,
פון אַלע שטילן שטילער נאָך,
און זיי וואָלטן זיך צוגעהערט
און נישט געטראַכט פון זייער בראָך.

און מיטן לעצטן מעשהלע
וואָלט איך מיך צו דער הייך געווענדט:
די בערגלעך, וועלדלעך, וואַסערלעך —
באַשירעם זיי מיט דייַנע הענט.

פאַרלעש פון איבער זיי די אַנגסט,
פאַריאָג די כוואַליעס הייסע קעלט.
אָן בערגלעך, וועלדלעך, וואַסערלעך —
זאָג דו אַליין: וואָס טויג די וועלט?

תּושלב״ע

ג ל אָ ס אַ ר

אר"י הקדוש, מקובל, געלעבט אין 16טן י"ה אין צפת.
במה (באָמע), געהייך, בערגל, וווּ די עבודה־זרה פלעג שטיין (ביי די כנענישע פעלקער)
בני־היכלא (בניי־הייכאָלע) — מלאכים
העסע — וואַנטלייַכטער
בעפר־רגליהם (באַאַפאַ׳ר ראַגלייהעם) — אין שטויב פון זייערע פיס.
יאור (יעאוי׳ר) — דער טייַך נילוס כּיתה — גרופּע
מראה (מאַרע) — פּנים
ניחמתי (ניכאַמטי) — כ׳האב מיך באַרעכנט; כ׳האָב חרטה
נפלאות־הבורא (ניפלאָעס האבוירע) — די וווּנדערס פונעם באַשעפער
פיוט (פּאַיעט) — פּעָזיע; געוויינטלעך ליטורגישע פּאָעזיע
קידהן זיך — וואַרפן זיך
קץ (קעץ) — סוף פון דער וועלט
רמשים (רמעאסים) — אינסעקא
שאול (שעאָ׳ל) — גיהנום

אַר"יי הקדוש — מקובל, געלעבט אין 16טן י"ה אין צפת.
במה (באָמע) — געהייך, בערגל, ווו די עבודה־זרה פלעג שטיין (ביי די כּנענישע פעלקער)

* * * *

תוכן

א. איך דאַנק דיר
ביז דעמער. 7
איך דאַנק דיר........ 8
בינדט צו דעם ווינט 9
אַ ווערבע........ 10
איך ווייס נישט........ 11
דאָס ליד........ 12
בעריאָזע נאָך אַ דינעם רעגן ....
בעריאָזע נאָך אַ דינעם רעגן 14
אַ ליכטיק צוויקל........ 15
אָוונט אין דאָרף........ 16
אונטערן דאָרפישן הימל 17
אסתּר־המלכּה איין נעפּל........ 18
אין שטילסטן ווינט........ 20
וואָס טוט זיאָמע?........ 21
אין מײַן טײַך, דעם אויסגעטראַכטן 22
די גוטע שיינקייט........ 23
פאַרקלעמטער הייט........ 24
אין מײַן וואָגל אַ בעריאָזע........ 26
לעהיי 27
אַ ברכה־רעגן 28
בײַ דער ווערבע........ 30
אויף אַ קופּע שטיינער........ 32
וואָגלערס לאָמע 33
צום אריי, הקדוש........ 34
מיין ווייטיק........ 36
חלום־טויער........ 37
די גראָע סאָווע פון מײַן בענקשאַפט........ 38
מרים בת חנה־לאה 39
מיט פריידס40
מיט פרייד........ 40

ווײ איז יענעם 41
אַהין װאָלט איך אַנטלאָפֿן 42
די מומע אסתּר־רחל 43
די באַלאַדע פֿון דער אײביקער בענקשאַפֿט 45
חלום־שעה 48
צו ביסינקעלעך ווײַן 49
קאָשמאַר 52
פינעף שײנע קעצעלעך 53
אַכט צי נײַן 54
הערשעלע און די הערשעלעכע 56
נישט קײן װעלף פֿון װײַט 65
איך װיל נישט 66
ווי אַנדערע מײַנס גלײכן 67
זיך גאָרנישט אויסגעלערנט 68
אַ דיכטער ווערט מען נישט 69
אין אַ שטילן פֿאַרנאַכט 70
אַן ערדענער קרוג 71
נישט טאָג, נישט נאַכט 72

ב. װיפּורוויל

דער סוף פֿון אַ פֿעלדז 75
װיפּורוויל 77
אַ הײַנטיקער סוף צו גאָלד פֿאַדנס אַ ליד 80
דאָס בערגל אין דאָרף און דאָס טײכל אין שכנות 86
בערגלעך, װעלדלעך, װאַסערלעך 87
בערגלעך, װעלדלעך, װאַסערלעך 97